# דער
# פרשה קוואל

צוזאמען געזאמלט
פון די שמועסן פון

מורינו הגה"צ
ר' אברהם אלימלך
בידרמן שליט"א

שלח

מכון
באר האמונה

**יו"ל ע"י**

**מכון 'באר האמונה'**

זיך איינצושרייבען צו באקומען די גיליון
וועכנטליך אויף אימייל און פאר הערות
אין הארות מעלדט אייך צו:

אימייל: Mail@derparshakval.com

טלפון: 1347-871-8285

**לשמיעת השיעורים בקול הלשון: 718-906-6444**

©

**כל הזכויות שמורות למו"ל**

# אינהאלט

שלח

כולם אנשים - דורך תמימות אין אמונה, ווערט מען געראַטעוועט פון אַלעם בייזן........................... א

ונהי בעינינו - זיי שטאַרק מיט דיך אליין, זאָל דיך נישט אינטערסירן וואָס 'אַנדערע' זאָגן.............. ז

כבוד חברך - זהירות אין כבוד הבריות........................................................ ט

והייתם קדושים - דווקא דורך די נסיונות קען מען אָנקומען צו העכערקייט........................ יא

ולא תתורו - דער גרויסער חיוב צו אָפהיטן די אויגן........................................... טו

# שלח

**כולם אנשים - דורך תמימות אין אמונה, ווערט מען גערעטעוועט פון אַלעם בייזן**

**וישלח** אותם משה ממדבר פארן על פי ה', כולם אנשים ראשי בני ישראל המה (יג, ג). זאָגט רש"י, דער פסוק זאָגט "אנשים". איבעראל וואו עס שטייט אין פסוק דער טיטל "אנשים", ווייזט עס אויף אַ חשיבות: "באותה שעה, כשרים היו" יענע שעה (ווען זיי זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן אויסצושפּיאָנירן דאָס לאַנד) זענען זיי געווען ערליך".

**דאַרף** מען פאַרשטיין, אויב די מרגלים זענען געווען ערליך, אויף אַזוי ווייט אַז דער אויבערשטער אַליין זאָגט עדות אויף זיי אַז זיי זענען "אנשים", ווי אַזוי האָבן זיי שפּעטער געהאַט אַזאַ ירידה, צו טוהן קעגן דעם רצון פונעם באַשעפער, ביז צום רעדן שלעכטס אויף ארץ ישראל?

**ענטפערט** דער "שם משמואל" (שלח, שנת תרע"ז), ווייל דער פסוק זאָגט (דברים יח, יג) "תמים תהיה עם ה' אלקיך". זאָגט רש"י, "התהלך עמו בתמימות ותצפה לו, ולא תחקור אחר העתידות, אלא כל מה שיבא עליך קבל בתמימות, ואז תהיה עמו ולחלקו". דער מענטש דאַרף אָננעמען מיט אמונה פשוטה און מיט תמימות, אַלעס וואָס פּאַסירט מיט איהם, און דאַן געהערט ער צו דעם באַשעפער, ער איז זיין "חלק".

**זאָגט** דער "שם משמואל" ווייטער, מיר ווייסן אַז "מכלל הן, אתה שומע לאו". פון אַלעם, קען מען פאַרשטיין דאָס פאַרקערטע. ממילא קומט אויס, אַז אויב מען האָט נישט אמונה תמימה אין דעם אויבערשטען, איז מען נישט "עמו ולחלקו". ממילא, אויב די אידן וואָלטן נישט פאַרלוירן זייער תמימות, דאָס הייסט, זייער אמת'ע אמונה אין דעם אויבערשטען'ס הבטחה, נאָר זיי וואָלטן ווייטער געגאַנגען אויפ'ן וועג קיין ארץ ישראל, נישט אַריינצוקלערן ווי אַזוי זיי וועלן קענען איינעמען דאָס לאַנד, וואָלטן זיי אַוודאי געזיגט, ווי רש"י זאָגט (אין פרשת דברים) אַז אויב די אידן וואָלטן נישט געשיקט די מרגלים, וואָלטן זיי אינגאַנצן נישט געדאַרפט האָבן וואָפן, נאָר וויבאַלד זיי האָבן פאַרלוירן די מדה פון תמימות, און האָבן אַריינגעקלערט וואָס עס וועט זיין, זענען זיי מער נישט געווען מיט'ן אויבערשטען, און דעריבער איז נישט קיין וואונדער אַז זיי זענען אָנגעקומען דאָרט וואו זיי זענען אָנגעקומען, ווייל אָן די הילף פון דעם באַשעפער, קען מען זיך נישט האַלטן[א].

---

**א.** אַ חשוב'ער איד וואָס פאַרמאָגט אַ רעסטאָראַן האָט אונז דערציילט: זיין רעסטאָראַן אין אַ שטאָט אין אַמעריקע, האָט צוויי שטאָק. דריי יאָר צוריק, האָבן ביי איהם באַזוכט די באַאמטע פונעם "פייער דעפּאַרטמענט", און איהם געזאָגט, אַז לויט די געזעצן און פאָרשריפטן פון 'העלט דעפּאַרטמענט', דאַרף ער צושטעלן נאָך אַ טיר אויפ'ן צווייטן שטאָק, כדי מענטשן זאָלן קענען אַרויסלויפן פון דאָרט אין פאַל פון אַ סכנה ח"ו ביי אַ פייער 'עמוירדזשענסי' רח"ל. זיי האָבן איהם געזאָגט, אַז אויב ער וועט נישט אַריינשטעלן אַזאַ טיר ביז אַ געוויסן טאָג, וועלן זי איהם פאַרבאָטן אָנצוהאַלטן דעם צווייטן שטאָק פאַר זיין רעסטאָראַן, און זיי זענען אַפילו אימשטאַנד איהם צו פאַרמאַכן די גאַנצע ביזנעס.

דער אייגנטימער פונעם רעסטאָראַן האָט זיך געוואָנדן צום אייגנטימער פונעם בנין ("לענדלאָרד") וואָס האָט איהם פאַרדינגען די צוויי שטאָק, און געבעטן ביי איהם רשות צו עפענען נאָך אַ טיר. דער "לענדלאָרד" איז גאָרנישט "נתפעל" געוואָרן. ער האָט טאַקע איינגעשטימט צוצובויען נאָך אַ טיר אויפ'ן צווייטן שטאָק, אָבער ער האָט דערפאַר פאַרלאַנגט אַ הוספה פון דריי טויזנט דאָלאַר "טבין ותקילין" צום מאָנאַטליכן "רענט" וואָס דער רעסטאָראַנער צאָלט איהם. דער איד האָט פראָבירט "אוועקבייגן" דעם אייגנטימער פון זיין "מאָדנער" פאָדערונג, זאָגנדיג, אַז ער זעלבסט דאַרף דאָך נישט האָבן די נייע טיר, נאָר ער טוט עס בלויז דערפאַר ווייל אַזוי פאַרלאַנגט דער "פייער דעפּאַרטמענט"... דער אייגנטימער האָט זיך אָבער געהאַלטן ביי זיינעם: אָדער צאָלסטו מיר דריי טויזנט דאָלאַר אַ חודש, מיט אַן "איינאַבע" ("דעפּאָזיט") פון 36 טויזנט דאָלאַר פאַר'ן גאַנצן קומענדיגן יאָר, און אַז נישט - וועט מען דאָ נישט בויען אַ טיר...

**זאָגט** ווייטער דער "שם משמואל", דער תנאי פון אחר דעתו, אלא להיות בטל לרצון השם יתברך" - תמימות איז, דער מענטש זאָל נישט נאָכקלערן ער זאָל זיך נישט איבערקליגן, נאָכצוגיין זיין וואָס עס וועט זיין אין דער צוקונפט, "ולא יתחכם לילך 'פאַרשטאַנד'[ב], נאָר ער זאָל זיך מבטל זיין צום

---

אַלזאָ, בלית ברירה, האָט דער איד געמוזט איינשטימען צו צאָלן נאָך דריי טויזנט דאָלאַר אַ חודש פאַר דעם רעסטאָראַן, מיט אַן איינגאַבע אויפ'ן גאַנצן ערשטן יאָר, און ער האָט טאַקע געעפענט נאָך אַ טיר אויפ'ן צווייטן שטאָק פון זיין רעסטאָראַן.

בעת מעשה, האָט דער 'חשוב'ער אינגערמאַן' זיך זייער געוואונדערט, פאַרוואָס האָט דער אויבערשטער אַזוי געטוהן מיט מיר? וואָס האט יעצט פאַסירט אַז איך זאָל דאַרפן צולייגן אַ טיר, און נאָך דאַרפן צאָלן דערפאַר אַזאַ טייערע פרייז?..

אָבער צוויי יאָר שפּעטער, האָט ער שוין גוט פאַרשטאַנען אַז אַלעס איז געווען פאַר זיין טובה וועגן, ווייל די שטאָטישע באַאמטע האָבן זינט דעם אויסברוך פונעם "קאָראָנאַ" ווירוס באַפוילן צו שליסן אַלע געשעפטן. ספּעציעל האָבן זיי זיך פאַרלייגט אויף די רעסטאָראַנטן, נאָכקוקנדיג טאָג און נאַכט צו די רעסטאָראַנטן זענען טאַקע געשפּאַרט. נאָר אַדאַנק די טיר וואָס ער האָט צוגעבויט אויפ'ן צווייטן שטאָק פון זיין רעסטאָראַן, האָט ער מצליח געווען צו האַלטן אָפּען זיין געשעפט, ווייל פון דאָרט זענען די קונים געקומען און געגאַנגען אָן דעם וואָס די פּאָליציי און שטאָטישע באַאמטע זאָלן קענען לייגן דערויף זייער שלעכט אויג... און אנשטאָט פון צוזאַם-ברעכן און דערלייגן פרנסה ח"ו האָט ער בעזרת השי"ת פאַרדינט אַ סאַך געלט.

זעהען מיר פון דעם, אַז באַלד אין אָנהייב איז אַלעס צוגעגרייט געוואָרן פאַר זיין טובה, נאָר מ'האָט איהם לכתחילה אויסגעפּרואווט פון הימל אין לויף פון צוויי יאָר, צו זעהן אויב ער וועט גלייבן און גיין מיט תמימות אינעם אויבערשטן...

**ב.** דער "חידושי הרי"ם" זי"ע זאָגט (ליקוטי הרי"ם", פרשתינו) אויפ'ן פסוק אין דער היינטיגער סדרה (יג, כט) "עמלק יושב בארץ הנגב". עס איז באַקאַנט וואָס די חז"ל זאָגן (ב"ב כה:) "הרוצה להחכים ידרים", דער מענטש וואָס ווילן ווערן קלוג מיט חכמת התורה, זאָל ער גיין אויף דרום-זייט. גומט אויס אַז "נגב" - דרום-זייט איז מרמז אויף חכמה. דער מענטש וואָס איז אָבער אַן "אויבער-חכם", ער נוצט אויס זיין "'קלוגשאַפט" נישט אויפ'ן ריכטיגן וועג, איז עס גערעכנט ווי אַ מעשה פון עמלק. אויף דעם זאָגט דער פסוק, "עמלק יושב בארץ הנגב"...

אַזוי זאָגט דער "בעל הטורים" אָנהייב סדרה, שלח ל'ך אנשי'ם סופי תיבות "חכם". דער אויבערשטער זאָגט, "שלח לך אנשים", שיק אַוועק פון זיך דעם "חכם" וואָס טוט זיך איבערקליגן, און לערן זיך פון די מעשה פון די מרגלים, וואָס האָבן מיט זייער "אויבער חכם'דיגקייט" אַלעס קאַליע געמאַכט.

די גמרא זאָגט (מכות כד:) אַז נאכן חרבן הבית, ווען די תנאים און רבי עקיבא צווישן זיי, זענען אָנגעקומען צום הר הבית, האָבן זיי געזעהן ווי אַ פוקס קומט אַרויס פונעם קודש הקדשים רח"ל. זאָגן די ספרים אַ טעם בדרך מליצה, פאַרוואָס דווקא דער "פוקס" איז אַרויסגעקומען פונעם קודש הקדשים, און נישט אַן אַנדערער בעל חי, ווייל דער פוקס איז דאָך דער קלוגסטער פון די חיות (ברכות סא:) און דורך די "פיקחים" וואָס קליגן זיך איבער מיט זייער "שכל", ווערט אַ חורבן אין קודש הקדשים...

אַזוי זאָגט הרה"ק רבי מענדעלע דעעשער זי"ע, דער בעל "מעגלי צדק", אויף דעם פסוק ביים סוף פון דער היינטיגער סדרה (טו, לט), "ולא תתורו אחרי לבבכם", פון דאָ זעהט אויס אַז די מצוה פון ציצית העלפט אַז מ'זאָל נישט נאָכגיין די שלעכטע מחשבות פון האַרץ. זאָגט הרה"ק רבי מענדעלע, אַז עס איז ידוע די האַרבקייט פון די לאווין פון שעטנז און כלאים, און פונדעסטוועגן, זאָגט די גמרא (יבמות ד:) אַז די תורה האָט מתיר געווען אַריינצולייגן כלאיים אין די ציצית [ווען דאָס קלייד איז פון פלאַקס, ווייל דער תכלת איז דאָך פון וואָל]. זעהען מיר דאָך אַז נישט אַלעס איז ווי דער מענטש טראַכט. מיט'ן מענטשליכן שכל, קען מען נישט פאַרשטיין ווי אַזוי איז מעגליך אַז דווקא ביים מקיים זיין אַ מצוה זאָל מען קענען ברענגען שעטנז, און דאָ האָט די תורה מתיר געווען דעם לאו פון שעטנז, אויב מ'נוצט עס ביי די מצוה פון ציצית. זעהט מען פון, אַז מ'טאָר נישט זוכן טעם און נאָכגיין דאָס האַרץ צו טוהן לויט ווי דאָס האַרץ פאַרשטייט, ווייל אונזער פאַרשטאַנד איז צו-קליין משיג צו זיין דעם אויבערשטען וועגן. דעריבער העלפט די מצוה פון ציצית, "למען תזכרו ועשיתם את כל מצותי", ווייל פון דעם זעהען מיר אַז מ'דאַרף גלייבן אַז מיר פאַרשטייען נישט דעם אויבערשטען'ס וועגן.

באַשעפער'ס רצון[ג], ווי די אידן האָבן געזאָגט ווען זיי זענען געשטאַנען אויפ'ן ים, "אין לנו אלא דברי בן עמרם", פאַר אונז איז גענוג וואָס משה זאָגט. דעריבער איז פאַרשטענדליך, אַז ווען די אידן האָבן געזאָגט "נשלחה אנשים לפנינו, ויחפרו לנו את הארץ" (דברים א, כב), מיר ווילן פאַראויסשיקן מענטשן וואָס זאָלן אויסשפּיאָנירן פאַר אונז דאָס לאַנד, האָבן זיי דערמיט אָפּגענייגט פון דעם וועג פון תמימות, און אַזוי איז אָפּגעטוהן געוואָרן פון זיי דער נאָמען פון דעם אויבערשטען וואָס האָט גערוהט אויף זיי.

אַזוי זאָגט דער הייליגער "חתם סופר" זי"ע ("תורת משה", ד"ה "במדבר"), אויף די ווערטער וואָס דער אויבערשטער האָט געזאָגט אַלס אַ 'שטראָף' פאַר דעם חטא פון די מרגלים (יד, לה) "במדבר הזה יתמו". די אידן וועלן זיך אויפהאַלטן אין מדבר פערציג יאָר, ביז זיי וועלן צוריק ווערן "תמימים" ("יתמו"), גאַנץ אין זייער אמונה אין דעם באַשעפער.

אין כלל פון "תמימות" איז, צו ווייסן און גלייבן אַז אַלעס וואָס קומט פאַר אויף דער וועלט, איז פון דעם באַשעפער'ס רצון, און צו פאַרלאָזן זיך נאָר אויף דעם באַשעפער[ד].

די ספרים הקדושים ("אמרי אמת", און "בית ישראל") לערנען טאַקע פון די פרשה פון די מרגלים, אַז אַ איד

---

**ג.** דער "חידושי הרי"ם" זי"ע זאָגט ("ליקוטי הרי"ם", פרשתינו) אַז די מרגלים האָבן נאָר געמיינט די טובה פון די אידן, ווייל זיי האָבן געזעהן אַז די אידן געפינען זיך אין מדבר אין גאָר אַ גוטן מצב, זיי לערנען תורה פון משה רבינו ע"ה. זיי האָבן נישט קיין טירדות אויף דער וועלט, נישט פון עסן, און נישט פון קליידונג, נאָר זיי דינען דעם אויבערשטען און ווערן געשפייזט מיט מן פון הימל. די מרגלים האָבן אָבער אויך געוואוסט, אַז ווען די אידן וועלן אָנקומען אין ארץ ישראל, וועלן זיי דאָרט יאָ האָבן טירדות עולם הזה, ביים באַאַרבעטן די פעלדער פון לאַנד, דעריבער האָבן זיי זיך איינגעשטעלט פאַר די טובה פון אידישע קינדער, און האָבן "גע'פועל'ט" אַז די אידן האָבן זיך אויפגעהאַלטן אין מדבר נאָך פערציג יאָר, און זענען דאָרט געשפייזט געוואָרן מיט'ן מן, וואָס איז געווען "לחם מן השמים" - ברויט פון הימל. אבער, פונדעסטוועגן, איז דאָס נישט געווען גוט פאַר זיי, ווייל ס'איז נישט גוט צו געבן דעם באַשעפער "עצות" ווי אַזוי צו פירן די וועלט. מ'דאַרף געדענקען אַז אַזוי ווי עס פירט זיך פון הימל, איז עס לטובה.

ער שרייבט, אַז כאָטש די מרגלים האָבן - ווי געזאָגט - געמיינט לטובה פאַר די אידן, איז פאַר זיי גערעכנט געוואָרן ווי אַן עבירה דאָס וואָס זיי האָבן אויסגעטראַכט פון האַרץ אייגענע סברות, אנשטאָט צו גיין מיט תמימות מיט'ן אויבערשטען, און זיך אָנשטרענגען צו האַפן און אַרויסקוקן אויפ'ן באַשעפער'ס הנהגה, און איהם צו דינען דווקא פון דעם אָרט וואו דער אויבערשטער האָט איהם אַוועקגעשטעלט...

**ד.** דער "יסוד העבודה" זאָגט ('תורת אבות', בשם כתבי הגה"צ רבי משה מידנער זצ"ל) אויף דעם פסוק אין דער היינטיגער סדרה (טו, לט) "וזכרתם את כל מצוות ה'". "וזכרתם" - איר זאָלט גוט געדענקען. "את כל" - אַלעס וואָס וועט מיט אייך פאַסירן, אַלעס איז "מצוות ה'" - געטוהן געוואָרן אויפ'ן באַפעל פון באַשעפער ברוך הוא, מיט אַ ספעציעלע השגחה פרטית. עס ווערט גאָרנישט געטוהן אויף דער וועלט דורך מענטשן, נאָר דורך "שליחים" פונעם באַשעפער ב"ה.

דער בעל שם טוב הקדוש זי"ע האָט אַמאָל גערעדט מיט הרה"ק בעל "תולדות יעקב יוסף" זי"ע (איידער ער איז נתקרב געוואָרן צום דרך הבעל שם), וועגן אמונה אין השגחה פרטית, אַז אויף יעדער זאַך אויף דער וועלט איז דאָ אַ השגחה פרטית געגנוי וואו עס זאָל ליגן, און וואו עס זאָל זיך שאָקלען. צווישן אַנדערע האָט דער בעל שם טוב איהם געזאָגט, אַז אין יעדע פאַסירונג וואָס קומט פאַר מיט'ן מענטש, איז דאָס נישט פון איהם אַליין חלילה, נאָר דער אויבערשטער "רעדט" צו איהם און ער וויל איהם מרמז זיין עפעס וואָס איז נוגע צו איהם.

רעדנדיג אַזוי, איז אַדורכגעגאַנגען אַ גוי וועלכער האָט פאַראָכטן כלים, און האָט זיך געוואָנדן צום בעל שם טוב: "ישראליק, האָסטו עפעס צו פאַררעכטן?". האָט דער בעל שם טוב איהם געזאָגט אַז ער האָט נישט. האָט דער גוי געזאָגט צום בעל שם טוב: "זוך, אפשר וועסטו עפעס טרעפן". האָט דער בעל שם טוב איהם נאָך אַמאָל געזאָגט אַז ער האָט נישט אַ כלי צו פאַררעכטן. האָט דער גוי ווידער געזאָגט: "ישראליק, ישראליק, אויב דו וועסט גוט זוכן, וועסטו געפינען...".

האָט דער בעל שם טוב געזאָגט צום "תולדות":

- דו האָסט געהערט וואָס פאַראַ "בת קול" מיר האָבן יעצט דאָ געהערט פונעם גוי'ס מויל? ער זאָגט, אויב איר וועט גוט 'נאָכזוכן' אייערע מעשים, וועט איר שוין געפינען וואָס איר דאַרפט מתקן זיין. און וויסן זאָלסטו, אַז אַפילו ווען אַ גוי רעדט מיט דיר, איז אויך אין דעם דאָ אַ רוף פון הימל. אַזוי ווי ביי אונזער מעשה, אַז ער איז מיך געקומען מעורר זיין, אַז אויך ווען עס דאַכט זיך פאַר'ן מענטש אַז ער איז גאַנץ אין זיינע מעשים און ער דאַרף נישט האָבן קיין "תיקון", אָבער אויב ער וועט גוט זוכן אין די 'קעמערלעך' פון זיין נשמה, וועט ער שוין געפינען אַ סאַך זאַכן וואָס ער דאַרף מתקן זיין...

דער "תולדות" האָט אָבער נישט געוואָלט אָננעמען די ווערטער פונעם בעל שם טוב (ווי געזאָגט, איז ער דאַן נאָך נישט נתקרב געוואָרן צום דרך החסידות), אַז עס איז דאָ אַ השגחה פרטית אויך אין די ווערטער פון אַן איינפאַכן גוי, צו זאָגן אַ וואָרט וואָס ער דאַרף פונקט זאָגן דאָרט, און דאָס גלייכן. האָט ער דעריבער געזאָגט פאַר'ן בעל שם טוב, אַז ער קען נישט אָננעמען זיינע ווערטער. האָט דער בעל שם טוב געזאָגט צום "תולדות": "זאָג נישט אַז דו קענסט נישט, נאָר אַז דו 'ווילסט' נישט...", און ער האָט פאַרלאָזט דאָס הויז פון הייליגן בעל שם טוב זי"ע.

אַרויסגייענדיג פון בעל שם טוב'ס הויז, האָט דער "תולדות" באַמערקט אַ "בעל עגלה", וואָס פירט אַ וואָגן פול מיט שטרוי. דער "שלימזל", דער בעל עגלה, האָט איבערגעדרייט דעם גאַנצן וואָגן, און דאָס גאַנצע שטרוי האָט זיך אויסגעשפרייט אין אַלע זייטן... האָט דער בעל עגלה געבעטן דעם "תולדות", ער זאָל מקיים זיין ביי איהם "הקם תקים", און איהם איהם העלפן אויפהייבן דעם וואָגן. דער "תולדות" איז אָבער געווען פאַרטוהן אין זיינע הייליגע געדאַנקען, און האָט אַפילו נישט געהערט וואָס דער בעל עגלה רעדט צו איהם. ווען ער האָט איהם נאָך אַמאָל געבעטן איהם צו העלפן, האָט דער "תולדות" איהם געזאָגט, אַז ער איז נישט בכוח איהם צו העלפן, ווייל ס'איז צו אַ שווערע לאַסט פאַר איהם, האָט דער גוי געזאָגט צום "תולדות":

- זאָג נישט אַז דו 'קענסט' נישט, נאָר אַז דו 'ווילסט' נישט... אויב דו וועסט ווען, וועסטו קענען מיר העלפן אויפהייבן דעם וואָגן...

די ווערטער פונעם פשוט'ן 'בעל עגלה' זענען 'אַריין אין אויער' פאַר'ן הייליגן "תולדות", און ער האָט איינגעזעהן פון דעם אַז דער הייליגער בעל שם טוב איז גערעכט מיט זיין טענה אַז עס איז נישט דאָ אַ זאַך אויף דער וועלט וואָס ס'איז נישט דאָ דערין אַ געוויע השגחה פרטית. ערשט יעצט האָט ער באַגריפן, אַז מ'האָט איהם געשיקט אַ 'שליחות' פון הימל אין דער געשטאַלט פונעם גוי'ס ווערטער, כדי צו ווייזן איהם ווי שטאַרק ס'איז די השגחה פרטית פון הימל. ער האָט זיך דאַן צוריקגעקערט צום בעל שם טוב, און איז שפעטער געוואָרן איינע פון זיינע גרעסטע תלמידים.

מיט דעם סיפור המעשה, קען מען פאַרשטיין אַ משל וואָס דער בעל שם טוב זי"ע האָט געזאָגט בנוגע דעם ענין פון גלות. אַ קעניגין האָט פאַרלעצט איינע פון די געזעצן פון דער מלוכה, וואָס יעדער וואָס פאַרלעצט אַזאַ געזעץ דאַרף געשטראָפט ווערן מיט פאַרטריבן ווערן אין אַ ווייטן אָרט. וויבאַלד אַז "מלך במשפט יעמיד ארץ", דער קעניג דאַרף דאָך פירן זיין מלוכה מיט געזעץ און אָרדענונג, און דער קעניג אַליין "היט דאָך דאָס געזעץ", האָט ער נישט געהאַט קיין אַנדערע ברירה ווי אַוועקצושיקן זיינע אייגענע קעניגין אין אַ ווייטן אָרט, מעבר לים.

אין יענע תקופות, זענען די שיף-קאַפיטאַנען געווען אַ "פאָלק פאַר זיך", וואָס זענען נישט געווען אונטערגעוואָרפן אונטער דער יוריסדיקציע פונעם קעניג און זיינע געזעצן, נאָר זיי האָבן געטוהן וואָס זיי האָבן נאָר געוואָלט... יעדער וואָס האָט געדאַרפט אַפרייזן מיט אַ שיף, האָט מורא געהאַט אַז די שיף-מאַטראָזען, וועלכע זענען געווען פאַרדאָרבענע שלעכטע פאַרשוינען, וועלן איהם שלעכטס טוהן.

אַזוי ווי די קעניגין איז אַרויף אויף דער שיף, איז איר געוואָרן פינצטער פאַר די אויגן און ביטער אויפ'ן האַרץ זעהענדיג ווער עס איז דאָ איר "באַלעבאָס", און זי האָט שטאַרק מורא געהאַט, ווער ווייסט וואָס וועט מיט איר פאַסירן. קיינער קען דאָך איר נישט ראַטעווען דאָ פון זייערע בייזע לאַפּעס.

איין זאַך, האָט אָבער די קעניגין נישט געוואוסט, אַז דער הויפט קאַפיטאַן, איז געווען דער קעניג בכבודו ובעצמו, וואָס ער האָט זיך פאַרשטעלט אַלס אַ שיף-קאַפיטאַן. אויב זי וואָלט געוואוסט דערפון, וואָלט זי נישט געווען אין אַזאַ קלעם, ווייל דער קעניג אַליין געפינט זיך דאָך מיט איר צו יעדע צייט, און ממילא, וואָס האָט זי מורא צו האָבן...

דער נמשל איז: דער אויבערשטער האָט טאַקע פאַרטריבן אידן אין גלות, אַבער דער "ממונה" אויף זיי אין גלות איז ער זעלבסט, דער "מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא", און ער רוהט שטענדיג צווישן זיי. אדרבה, גרויס

איז זיין השגחה פרטית אויף אונז אין דעם מצב. אויב מיר וואָלטן געוואוסט און געגלייבט אַז עס איז נישט דאָ קיינער אויף דער וועלט וואָס קען אונז שלעכטס טוהן, און אַז דער אויבערשטער געפינט זיך צווישן אונז, ווי דער פסוק זאָגט "עמו אנכי בצרה", וואָלט דאָס שוין מער נישט געווען אין גדר פון גלות.

דאָס איז די כוונה אין די ווערטער פון דער גמרא (ברכות לג.) "כל אדם שיש בו דעה, כאילו נבנה בית המקדש בימים". יעדער מענטש וואָס האָט פאַרשטאַנד, איז גלייך ווי דער בית המקדש וואָלט געבויט געוואָרן אין זיינע טעג. דאָס הייסט, אַז דער מענטש וואָס האָט שכל, ווייסט אַז דער אויבערשטער איז מיט איהם, און ממילא איז ער נישט אין "גלות", נאָר עס איז גלייך ווי ער וואָלט געזעסן "תחת גפנו ותחת תאנתו", רואיגערהייט אויף דער וועלט, אַזוי ווי עס וועט זיין ווען דער אויבערשטער וועט אויפבויען דעם בית המקדש במהרה בימינו.

אַ וואונדערליכן משל האָט צו אונז געשריבן אין אַ בריוו, איינער פון אונזער חבורה אין בית שמש, ווי פאָלגענד:

אַ גרויסער קעניג, וואָס האָט געקעניגט אויף אַ רייך מעכטיג לאַנד, אָבער עס זענען כסדר פאָרגעקומען מלחמות צווישן זיינע שכנים, ווי ס'איז געווען איינגעפירט ביי די קעניגרייכן אין אַלע תקופות. איינער רייצט זיך מיט'ן צווייטן, און אַ צווייטער גרייט צו אַ פאַסטקע אַריינצוכאַפּן אַ צווייטע... ווען די מלחמה האָט זיך געשטאַרקט, האָט דער קעניג געשיקט זיין הויפּט-גענעראַל אויפ'ן שלאַכטפעלד, צו האַלטן מלחמה מיט'ן פיינט. די מלחמה איז געגאַנגען גאָר שווער, און ווען דער קעניג האָט געהערט דעם קרעכץ פון זיינע אונטערטאַנען, און געזעהן אַז זיי זענען אויסגעשטעלט צו הונגער און שאַנדע, האָט ער געשיקט פאַר'ן גענעראַל אַן אוצר פיל מיט טייערע ברילאַנטן און דיאַמאַנטן-שטיינער, כדי איהם צו ערמוטיגן אינעם קאַמף קעגן דעם שונא. אויך קען ער מיט'ן געלט, קויפן עסן צו שפייזן דאָס פאָלק און די אַרמיי ווי געהעריג, און ער קען מיט'ן געלט אויך קויפן די פאָרגעשריטנסטע וואָפנס פאַר די מלחמה.

דער קעניג האָט אויך צוגעלייגט אינעם פעקל פאַר'ן גענעראַל, מאַפּעס און גענויע ליסטעס, און אַנדערע טכסיסי מלחמה, אַז ער זאָל קענען שיצן און פאַרפאַנצערן דאָס פאָלק מיט די נויטיגע שוץ, און ער וועט וויסן צו דערלאַנגען פאַר'ן שונא אַ גוטן קלאַפּ, ביז ער וועט זיך אונטערגעבן אַ פאַרשעמטער.

גלייכצייטיג דערמיט, האָט דער קעניג אָבער אויך גוט געוואוסט, אַז עס זענען פאַרהאַן אַ סאַך שפּיאָנען וואָס פאָלגן-נאָך מיט "אויגן און אויערן" יעדן ברעקל אינפאָרמאַציע וואָס קומט אַרויס פון זיין פּאַלאַץ, און ער האָט דעריבער מורא געהאַט אַז זיי וועלן לאָקערן און נאָכגיין דעם שליח וואָס טראָגט דעם גרויסן אוצר מיט זיך. האָט דער קעניג באַהאַלטן דעם אוצר אין אַ מיאוס'ן זאַק, און האָט עס אַרומגענומען מיט מיסט און פאַרשימלטע מאכלים... דאַן האָט ער גערופן זיין משרת, און איהם אָנגעטוהן צעריסענע קליידער, ווי ער וואָלט געווען אַ זאַמלער פון מיסט, און ער האָט איהם באַפוילן צו נעמען דעם זאַק און איהם ברענגען צום הויפּט-גענעראַל "ווי עס שטייט און גייט".

דער משרת האָט אויסגעפאָלגט דעם קעניג'ס באַפעל, און אַזוי איז ער טאַקע געראַטעוועט געוואָרן פון אַ "שלעכט אויג", ווייל יעדער וואָס האָט איהם געזעהן, האָט "פאַרשטאַנען" אַז ער פירט דאָ אַ זעקל מיט מיסט... ווען ער איז אָנגעקומען צום הויפּט-גענעראַל, האָט ער איהם דערקענט און האָט איבערגענומען פון איהם דאָס פעקל. איבעריג צו זאָגן, אַז אין דער מינוט וואָס דער גענעראַל האָט געעפענט דאָס זעקל, האָט ער געשפּירט אַ שרעקליכן ריח פונעם זאַק, ממש צום דערשטיקן... אויב דער גענעראַל איז אַ נאַר, וועט ער ווערן טרויעריג און באַוויינען זיין ביטערן גורל, 'נישט גענוג וואָס איך קעמף דאָ מיט די לעצטע כוחות פאַר'ן קעניג און זיין פאָלק, און אָט דאָס איז מיין באַלוינונג... ער פאַרשעמט מיך נאָר מיט שיקן מיר אַזאַ מיאוס'ע מתנה', און ער וועט טראַכטן מיט אַ צובראָכן האַרץ, 'מה לי ולצרה הזאת', וואָס פעלט עס מיר אויס, צו פירן די מלחמה פאַר'ן קעניג, עס וואָלט דאָך בעסער געווען ווען איך וואָלט חלילה פארלוירן די מלחמה, ווי איידער צו ווערן אַזוי פאַרשעמט.

אויב דער הויפּט-גענעראַל איז אָבער גענוג קלוג צו פאַרשטיין, ווער איז דאָס דער וואָס האָט מיר געשיקט דאָס 'זעקל'... דאָס איז דאָך מיין באַליבטער קעניג, און אויב אַזוי, איז דאָך בשום אופן נישט מעגליך צו טראַכטן אַז עס שטעקט דערין די מינדסטע כוונה מיך מצער צו זיין. אַוודאי איז קלאָר אַז דייקא דאָ ליגט באַהאַלטן דער גוטער אוצר פונעם קעניג. אַזוי טראַכטנדיג, עפנט ער דאָס זעקל און הייבט אָן גראָבן דאָרט צו געפינען דעם אוצר, ווייל ער ווייסט דאָך קלאָר אַז פון די צרה זעלבסט וועט איהם קומען אַן אויסלייזונג. אַזוי געפינט ער טאַקע דעם וואונדערבאַרן אוצר, און ער פרייט זיך סיי מיט'ן גרויסן אוצר, און סיי אַז ער האָט געהאַט גענוג שכל צו פאַרשטיין

טאָר זיך קיינמאָל נישט פאַרלאָזן אויף זיין אייגענעם כוח און אויף זיין זכות, סיי ברוחניות - דאָס הייסט, אויף זיינע פילע מצוות און זכותים, און סיי בגשמיות - אויף זיין פיזישן "כוח", אַז ער קען עפּעס אַליין דערגרייכן. אַזוי וועט ער איינוואָרצלען אין זיך דעם געפיל, אַז ער האָט נישט אַן אייגענעם כוח, און אַז ער קען גאָרנישט דערגרייכן, נאָר אויב עס ווערט נגזר אויף איהם פון אויבן, און אַלעס ווענדעט זיך אין רצון פון דעם אויבערשטען. דער מענטש וואָס פאַרלאָזט זיך אויף דעם אויבערשטען, העלפט איהם דער אויבערשטער אין יעדע זאַך, און ער האָט הצלחה אין אַלע זיינע ענינים"[ה]. אויב ער פאַרלאָזט זיך אָבער אויף זיך אַליין, ליידט ער דורכפעלער אויף יעדן שריט און טריט.

**אט** דער לימוד, לערנען מיר פון די מרגלים, וועלכע זענען געווען "ראשי בני ישראל", ברוחניות

---

אַז דווקא אויף דעם וועג פון אַנטפלעקן דעם אוצר דייקא אין די 'הסתרה', איז ער אָנגעקומען דערצו. און נאָר אַזוי האָט ער טאַקע באַוויזן צו באַזיגן די פיינטליכע אַרמיי, און ער איז געוואָרן נאָך פיל גרעסער און חשוב'ער אין די אויגן פון קעניג און זיינע מיניסטאָרן.

דער בעל שם טוב הקדוש זי"ע האָט געזאָגט (געברענגט אין ספה"ק "תשואות חן", פ' וישב) אַז דאָס איז געווען די בחינה פון נחום איש גם זו, וואָס ביי יעדע זאַך וואָס האָט מיט איהם פּאַסירט, אויך ווען עס האָט געשוועבט אויף זיין קאָפּ און אויף אַלע אידן אַ שרעקליכע סכנה ח"ו, האָט ער פאַרשטאַנען אַז עס ליגט באַהאַלטן דערין גוטס, ווייל פון באַשעפער ברוך הוא קען קיין שלעכטס נישט אַרויסקומען חלילה, און מיט זיין גלויבן דערין, און זיינע ווערטער "גם זו לטובה", האָט ער אויפגעטוהן אַז אַזוי איז טאַקע געווען, עכדה"ק.

**ה.** אַזוי זאָגט הרה"ק רבי העניך אלכסדר זי"ע ("חשבה לטובה", פרשתינו) אויף דעם פסוק אין דער היינטיגער סדרה (יג, טז) "ויקרא משה להושע בן נון יהושע". וויבאַלד משה רבינו ע"ה האָט געזעהן אַז יהושע גייט שטענדיג אַרום און זאָגט "הושע", "הושע", באַשעפער, העלף מיר... האָט משה געזאָגט: "יהושע" - כ'בין זיכער אַז "י-ה יושיעך" - דער אויבערשטער וועט דיר טאַקע העלפן, ווייל דער מענטש וואָס הייבט אויף שטענדיג זיינע אויגן צום הימל און פאַרלאָזט זיך נאָר אויף דעם אויבערשטען, און צו איהם ווענדעט ער זיך נאָך הילף, איז פאַרזיכערט אַז דער אויבערשטער איז מיט איהם.

מיר האָבן געהערט פון הרה"ח המפואר רבי שאול בורזשיקאָווסקי שליט"א, וועלכער האָט זוכה געווען אַז דער גערער רבי, הרה"ק בעל "בית ישראל" זי"ע, זאָל איהם איינלאַדן צו "קידוש" שבת פרשת בהר, אַז ביים שמועס, האָט דער "בית ישראל" נאָכגעזאָגט די באַקאַנטע מימרא פון הייליגן רבי'ן ר' זושא זי"ע פון האניפאלי, וואָס ווערט געברענגט אין הייליגן ספר "נועם אלימלך" פון זיין ברודער, דער רבי ר' אלימלך זי"ע (פ' בהר), אויפ'ן פסוק (ויקרא כה, כ-כא) "וכי תאמרו מה נאכל בשנה השביעית, הן לא נזרע ולא נאסף את תבואתנו, וצויתי את ברכתי לכם בשנה הששית, ועשת את התבואה לשלש השנים". אויב איר וועט פרעגן, וואָס וועלן מיר עסן אין זיבעטן יאָר, מיר וועלן דאָך דעמאָלס נישט איינזייען און נישט צונויפזאַמלען אונזערע תבואות, זאָגט דער אויבערשטער, איך וועל באַפעלן מיין ברכה אין זעקסטן יאָר, אַז עס זאָל וואַקסן תבואה פאַר גאַנצע דריי יאָר.

האָט דער רבי ר' זושא זי"ע געפרעגט, אַז פון פסוק זעהט אויס, אַז נאָר אויב די אידן וועלן פרעגן "מה נאכל", וועט דער אויבערשטער באַפעלן די ברכה. און ער האָט געענטפערט, אַז אויב די אידן וועלן נישט פרעגן "וואָס וועלן מיר עסן", איז דאָך פשוט אַז דער אויבערשטער וועט באַפעלן זיין ברכה, און מ'דאַרף עס אַפילו נישט זאָגן, ווייל דער אויבערשטער האָט דאָך באַשאַפן די וועלט אויף אַן אופן אַז מיט בטחון אין איהם איז מען ממשיך אַלע השפעות. נאָר אויב זיי וועלן ח"ו יאָ פרעגן, טוהען זיי דאָך איבערהאַקן חלילה די גוטע השפעות, און דאַן וועט דער אויבערשטער דאַרפן באַפעלן פונדאַסניי די ברכה.

דער "בית ישראל" זי"ע האָט אָבער געטייטשט אויף אַן אַנדערן אופן, אַז דייקא ווען אַ איד זאָגט, "אוי, רבונו של עולם, וואָס וועל איך עסן? איך ווייס דאָך אַז מיט מיין אייגענעם כח בין איך נישט אימשטאַנד צו געבן אַפילו אַ ריר מיט'ן פינגער, און נאָר דו ביזט בכוח מיר צו שענקען פרנסה און אַ גרויסע השפעה". דאַן איז ער זוכה אַז דער אויבערשטער זאָל טאַקע משפיע זיין אויף איהם פון זיינע ברכות, וויבאַלד ער פאַרלאָזט זיך נאָר אויף דעם אויבערשטען, איז ער אַ כלי ראוי צו באַקומען די ברכה.

ובגשמיות. מיר האָבן דאָך נישט די מינדעסטע השגה אין די הויכע מדרגה פון די מרגלים (זעה ב"ב עג: וחידושי אגדות מהר"ל). און דער רמב"ן שרייבט (יג, ד) אַז די תורה רעכנט אויס די מרגלים לויט זייער מעלה. מ'דערמאנט קודם דעם חשוב'ערן וואָס פאַרמאָגט מער מעלות און מדריגות. קומט אויס פון דעם, אַז כלב בן יפונה, איז נאָר געווען דער דריטער אין חשיבות צווישן די מרגלים, און יהושע בן נון -וועלכער ווערט דערמאנט דער פינפטער - איז געווען דער פינפטער אין גרויסקייט.

**אויך** זענען זיי געווען "גיבורי חיל" - שטאַרקע מענטשן ("אבן עזרא", פסוק ב'), און האָבן זיך פאַרלאָזט אויף זייערע אייגענע כוחות, אַז זיי וועלן קענען איינעמען דאָס לאַנד. נאָר וואָס דען, ווען זיי זענען אַריינגעקומען אין ארץ ישראל, האָט זיי באַפאַלן אַ מורא און זיי האָבן געזאָגט "אפס כי עז העם וגו' כי חזק הוא ממנו". נאָר יהושע און כלב זענען געווען "בטל ומבוטל" ביי זיך, וויסנדיג אַז זיי פאַרמאָגן נישט אַן אייגענעם כוח, ווי דער תרגום יונתן זאָגט (פסוק טז) אַז ווען משה רבינו ע"ה האָט געזעהן אַז יהושע האַלט זיך קליין, האָט ער מתפלל געווען פאַר איהם, "י-ה יושיעך מעצת מרגלים".

**אויך** ביי כלב געפינען מיר, אַז ער איז געגאַנגען זיך משתטח זיין אויף די קברים פון די הייליגע אבות אין חברון, צו בעטן רחמים (סוטה לד.) ווייל ער האָט געפילט אַז אַליין האָט ער נישט קיין זכות, נאָר ער דאַרף אָנקומען צו "זכות אבות"[ו]. נאָר דורך דעם וואָס יהושע און כלב האָבן זיך פאַרלאָזט אויף דעם אויבערשטען אַליין, זענען זיי געווען בכח זיך צו האַלטן שטאַרק און זאָגן (יג, ל) "עלה נעלה וירשנו אותה כי יכול נוכל לה". דער סוף איז געווען אַז זיי זענען געווען די איינציגע פון די צענדליגער טויזנטער אידן פונעם דור המדבר, וואָס זענען אַריינגעקומען אין ארץ ישראל.

**ונהי בעינינו - זיי שטאַרק מיט דיך אליין, זאָל דיך נישט אינטערסירן וואָס 'אַנדערע' זאָגן**

**ונהי** בעינינו כחגבים וכן היינו בעיניהם (יג, לג). די מרגלים האָבן געזאָגט וועגן די ריזן וואָס זיי האָבן באַגעגנט אין ארץ כנען, מיר זענען געווען אין אונזערע אויגן ווי היישעריקן, און אַזוי זענען מיר אויך געווען אין זייערע אויגן.

**דאָ** לערנען מיר אַ פרק אין "עזות דקדושה", ווי דער קאָצקער רבי זי"ע האָט געזאָגט ("אמת ואמונה", אות תצו) אַז די הויפט-טענה קעגן די מרגלים איז געווען דאָס וואָס זיי האָבן צוגעלייגט די ווערטער "וכן היינו בעיניהם", און אַזוי (ווי היישעריקן) זענען מיר געווען אין זייערע אויגן. פאר דעם מענטש טאר עס נישט אינטערעסירן ווי אַזוי ער זעהט אויס אין די אויגן פון אַנדערע מענטשן... דו דאַרפסט גיין אין דיין אויסגעטראָטענעם וועג, לויט דיין כוח און מוח. קוק נישט צוריק, און נישט אין די זייטן. וואָס אינטערעסירט דיך וואָס אַ צווייטער טראַכט וועגן דיר?![ז]...

---

**ו.** דער חיד"א ז"ל ברענגט (נחל קדומים, פרשתינו) אין נאָמען פון הייליגן אריז"ל ("שער הגלגולים", הקדמה לו, אות צ) אַז כלב בן יפונה איז געווען פונעם שורש פון די נשמה פון אליעזר עבד אברהם. לויט דעם זאָגט דער חיד"א ז"ל, אַז כלב איז דערפאַר געגאַנגען מתפלל זיין ביים קבר פון זיין "האַר", אברהם אבינו ע"ה, ווייל דער גאַנצער מהות פון אליעזר איז דאָך געווען אַז ער איז געווען בטל צו אברהם, און ער האָט איהם געטריי געדינט. דאָס זעלבע איז מיט כלב, ער האָט נישט געהאַלטן פאַר זיך קיין זכות און כח, נאָר ער איז בטל געווען מיט'ן גאַנצן האַרץ און נשמה צום אויבערשטען, ביז ער האָט זוכה געווען אַז דער אויבערשטער האָט איהם באַצייכנט אַלס "עבדי כלב" - מיין קנעכט כלב, וואָס מיר טרעפן נישט אין ערגעץ אין דער תורה אַזאַ חשוב'ן טיטל אויף אַ מענטש, אויסער אויף משה רבינו ע"ה [ווי דער פסוק זאָגט (במדבר יב, ח), "ומדוע לא יראתם לדבר בעבדי במשה", און אין נאָך עטליכע פלעצער].

**ז.** אַ איד האָט אַמאָל געזאָגט צום בריסקער רב הגרי"ז זצ"ל, פשט אין די ווערטער פון רש"י ז"ל (בראשית לב, ו) אויפ'ן פסוק "עם לבן גרתי ואחר עד עתה, ויהי לי שור וחמור" וגו', זאָגט רש"י, "עם לבן גרתי, ולא למדתי ממעשיו הרעים". איך האָב זיך נישט אָפּגעלערנט פון די שלעכטע מעשים פון לבן. האָט דער איד געזאָגט אַ כוונה, אַז יעקב האָט געמיינט מרמז צו זיין פאַר עשו, אויב דו וואונדערסט זיך ווי אַזוי איך האָב געקענט וואוינען צוזאַמען מיט לבן אַזאַ לאַנגע צייט, און פונדעסטוועגן האָב איך זיך נישט אָפּגעלערנט פון זיינע שלעכטע מעשים, איז עס

אַזוי ווערט דער מענטש געראַטעוועט פון שלעכטע חברים, וואָס אין רוב פעלער ווערט מען נאָכגעצויגן נאָך זיי ווען מ'האָט נישט אַ קלאָרן וועג פאַר זיך, אָדער מ'זוכט צו "געפינען חן" ביי מענטשן וואָס האָבן אַנדערע געדאַנקען...

**דער** מדרש זאָגט (במדב"ר פט"ז, יא) אַז דער אויבערשטער האָט מוותר געווען פאַר די אידן ווען זיי האָבן געזאָגט "ונהי בעינינו כחגבים", אָבער אויף זייערע רייד "וכן היינו בעיניהם", האָט ער נישט מוותר געווען. דער אויבערשטער האָט געזאָגט צו זיי: צו דען ווייסט איר ווי אַזוי איך האָב אייך געמאַכט אויסזעהן אין זייערע אויגן? ווער האָט אייך געזאָגט אַז איר זענט נישט געווען אין זייערע אויגן ווי מלאכים?

**מיט** דעם האָבן זיי אַליין גורם געווען פאַר זיך דעם עונש פון צו דאַרפן וואַנדערן אין מדבר פערציג יאָר. און כאָטש די גמרא זאָגט (סוטה לה., געברענגט אין רש"י, דאָ אין פרשת שלח) אַז זיי האָבן קלאָר געהערט ווי די ריזן האָבן געזאָגט "נמלים יש בכרם" - עס זענען דאָ ווערימלעך אינעם ווייַנגאָרטן... אויב אַזוי, פאַרוואָס האָט דער אויבערשטער געהאַט אַ טענה, "ווער האָט אייך געזאָגט אַז איר זענט נישט געווען אין זייערע אויגן ווי מלאכים?".

**ענטפערט** דער "שפת אמת" זי"ע (שלח, תר"מ) אַז דער מענטש הערט דאָס וואָס ער טראַכט. אויב דער מענטש גייט אַרום מיט אַ געפיל אַז ער איז אַ "נמלה" - אַ ווערימל - וועט ער טאַקע הערן אַנדערע מענטשן רעדן וועגן איהם אויף אַזאַ אופן, אַז ער איז אַ ווערימל... און ווייל זיי האָבן זיך אַליין געהאַלטן פאַר הייערשריקן, דעריבער זענען זיי טאַקע געווען אַזוי אין זייערע אויגן, ווייל אַלעס ווענדעט זיך אים אין די עבודה פון מענטש[ח], ע"כ.

---

צוליב דעם וואָס "ויהי לי שור וחמור", איך האָב אַלע זיינע מעשים אָנגעקוקט ווי זיי וואָלט געווען אַן "אָקס" און אַן "אייזל"... נישט מער... ממילא, האָב איך גאָרנישט מיט זיי... דערפאַר האָב איך זיך נישט אָראָפּגעלערנט פון זיינע שלעכטע מעשים.

דאס וואָרט האָט שטאַרק געפעלן דעם בריסקער רב ז"ל, און ער האָט רעאַגירט: דאָס איז נישט סתם אַזוי "פשט", נאָר איז דער אמת, און דאס איז ממש אַקטועל, ווייל די "שלעכטע חברים" האָבן שוין גורם געווען אַסאַך קרבנות רח"ל. ממילא, איז די איינציגסטע עצה, מ'זאָל קוקן אויף זיי ווי אַ "שור" און אַ "חמור", אַן "אָקס" און אַן "אייזל", וואָס קיין איין מענטש אויף דער וועלט וואָס געפינט זיך אין דער סביבה פון אָקסן און אייזלען, וועט זיך נישט אָפּלערנען פון זיי "אַ וועג אין לעבן"...

הרה"ק רבי מאָטיל סלאָנימער זי"ע, איז אַמאָל געגאַנגען אויף דער גאַס אין תל אביב, אָנגעטוהן מיט די "שמונה בגדים" – דעם ארץ ישראל'דיגן לבוש. צו ער שעמט זיך נישט צו גיין דאָ אין תל אביב אויף דער גאַס אָנגעטוהן אין אַזעלכע בגדים. האָט רבי מאָטיל סלאָנימער איהם געענטפערט:

- צו דען ווען אַ מענטש גייט אַריין אין אַ בהמה-שטאַל, דאַרף ער זיך אָנטוהן ווי אַ בהמה, כדי אויסצוזעהן דאָרט ווי אַ בהמה? איך דאַרף זיך דען צוגלייכן צו אַלע שמוציגע פאַרשוינען וואָס דרייען זיך דאָ אויף דער גאַס?...

**ח.** אַ 'דורכשניטליכער' יונגערמאַן, וועלכע האָט זיך אַלעמאָל באַטראַכט ווי אַ "צעקלאַפּטער", אינגאַנצן "איבעריג" ח"ו אויף דער וועלט, האָט נישט געשפירט אַ טעם אין לעבן. דער געפיל האָט איהם באַגלייט זיצנדיג אינדערהיים, גייענדיג אויף דער גאַס, ממש טאָג און נאַכט. ווען ער איז געווען אַ כולל-יונגערמאַן, האָט קיינער נישט גערעדט מיט איהם. אויך ווען מ'האָט גערעדט וועגן די סוגיות וואָס מ'האָט געלערנט אין כולל, האָט קיינער איהם נישט אַריינגענומען אינעם "שמועס", גלייך ווי ער וואָלט געווען אַ "טיש" אין בית המדרש, אָדער על כל פנים, אַ הייליג ספר אין דער ספרים-שאַנק. אויך ווען מ'האָט גערעדט 'מילי דעלמא', האָט איהם קיינער נישט געפרעגט זיין מיינונג איבער דעם וואָס מ'שמועסט.

אויך ווען ער איז געגאַנגען אויף דער גאַס, האָט קיינער איהם נישט אָנגעקוקט. קיינער האָט איהם נישט געפרעגט ווי אַזוי מ'קומט אָן אויף יענע גאַס, אָדער וואו עס געפינט זיך יענער ספרים-געשעפט... אַפילו אַ קליין יונגל האָט נישט געבעטן ביי איהם ער זאָל איהם אַריבערפירן די גאַס... און נאָך מער, ווען ער איז אָנגעקומען אַהיים, האָט קיין איינער פון זיינע שכנים נישט געקוקט אין זיין ריכטונג, און אַפילו ביי זיך אינדערהיים, האָט ער זיך געשפירט "נישט וועלקאָמען", ווייל קיינער האָט איהם נישט געפרעגט "וואָס הערט זיך... ווי אַזוי איז אַדורכגעגאַנגען דער טאָג?...".

**כבוד חברך - זהירות אין כבוד הבריות**

**אין** אָנהייב פון דער היינטיגער סדרה (יג, ח-יא), וואו עס ווערן אויסגערעכנט די נעמען פון די מרגלים, לייענען מיר: "למטה אפרים וגו', למטה יוסף למטה מנשה".

**דער** רמב"ן זאָגט אין אָנהייב ספר במדבר (א, לב), אַז מיר געפינען אין דער תורה פאַרשידענע פסוקים וואו עס ווערן אויסגערעכנט די צוויי קינדער פון יוסף, מנשה און אפרים. אַמאָל איז דער פסוק מקדים אפרים, און ער איז איהם מייחס צו זיין טאַטן יוסף, ווי אין אָנהייב פרשת במדבר, וואו דער פסוק זאָגט "לבני יוסף לבני אפרים", און ערשט דערנאָך זאָגט ער "לבני מנשה", אָן דעם וואָס מ'זאָל איהם מייחס זיין צו יוסף, און אַמאָל איז עס פאַרקערט. דאָ, אָבער, אין פרשת שלח, האָט די תורה געענדערט און האָט מקדים געווען שבט אפרים, נאָר מ'האָט איהם נישט מייחס געווען צו יוסף, און דערנאָך שרייבט ער שבט מנשה, און ער איז איהם מייחד נאָך יוסף.

---

אין אַ העלן טאָג, האָט דער יונגערמאַן באַמערקט אַן מעלדונג ("אַדווערטייזמענט") וואָס לאָזט וויסן, אַז אַ הוט-געשעפט פאַרקויפט יעצט הוטן פאַר אַ ביליגן פרייז ("סעיל" בלע"ז). האָט דער יונגערמאַן באַשלאָסן: אָט קומט מיר יעצט אַ נייער קאַפעליש... דער אַלטער היט האָט שוין געזעהן אַ סאַך דורות פון צדיקים... יעצט דאַרף ער מאַכן פלאַץ פאַר אַ נייעם הוט.

"אומר ועושה". דער יונגערמאַן איז אַריין אינעם הוט-געשעפט, און געבעטן ביים "סעילסמאַן" אַ בכבוד'יגן הוט, און נאָך עטליכע מעסטונגען, האָט מען 'מכריע געווען' לטובת אַ געוויסן הוט, אַז דאָס איז דער ריכטיגער הוט... ער האָט באַצאָלט דעם פולן פרייז און גענומען דעם קאַפעלוש. דערנאָך האָט ער זיך באַרעכנט, פאַרוואָס זאָל איך טראָגן אויף דער גאַס דעם נייעם הוט אינעם "באַקסל"... איך וועל שוין אָנטוהן דעם נייעם הוט, און דעם אַלטן הוט וועל איך איבערלאָזן דאָ, אין געשעפט...

ער האָט אַזוי געטוהן, און וואונדער איבער וואונדער: גייענדיג אַהיים מיט'ן נייעם הוט, האָט אַ דורכגייער איהם געפרעגט, וואו איז יענע גאַס... עטליכע יונגלעך האָבן איהם געבעטן מיט טרערן אין די אויגן, ער זאָל זיי אַריבערפירן די גאַס... אָנקומענדיג אַהיים, האָט אַ שכן איהם שיין באַגריסט, און אַריינקומענדיג אין שטוב, האָט מען איהם אויפגענומען מיט גרויס פרייד, און איהם געפרעגט וואָס ער מאַכט, ווי אַזוי איז אַריבער דער טאָג... ער, פון זיין זייט, האָט געוויזן מיט'ן פינגער אַרויף, העכער.. ווען מ'האָט איהם געפרעגט אַ צווייטן מאָל ווי אַזוי ער שפירט זיך, האָט ער ווידער געוויזן מיט'ן פינגער אַרויף.

האָבן די בני בית זיך דערשראָקן, ווער ווייסט אויב עס האָט נישט עפעס פאַסירט מיט איהם... וואָס האָט היינט פאַסירט, וואָס ער ווייזט כסדר מיט די האַנט כלפי מעלה... האָבן זיי איהם געפרעגט פאַרוואָס ער ווייזט כסדר מיט'ן פינגער אויבן, און ער, וועלכער האָט זיך שטאַרק געשעמט, האָט זיי דערציילט וועגן זיין נייעם קאַפעלוש... צו זעהען זיי נישט מיט זייערע אייגענע אויגן דעם נייעם הוט וואָס ער האָט טראָגט אויפ'ן קאָפּ?... זיי האָבן אָבער נישט באַמערקט קיין שום ענדערונג אויף זיין קאָפּ, ביז ס'האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז ער האָט בטעות פאַרגעסן דעם נייעם הוט אין געשעפט, און ער האָט איבערגעלאָזט אויפ'ן קאָפּ דעם אַלטן הוט, אַזוי ווי ביז יעצט...

אַז מ'טראַכט גוט אַריין אין דער געשיכטע, פאַרשטייט מען אַליין, אַז די מענטשן ענטפערן, און מענטשן פירן זיך מיט אַנדערע מענטשן לויט ווי דער מענטש אַליין טראַכט וועגן זיך. דעריבער, ווען עס האָט זיך געדאַכט פאַר דעם יונגערמאַן אַז ער איז "מכובד", ווייל אין זיין געדאַנק האָט ער זיך געזעהן גיין אויף דער גאַס מיט אַ מכובד'יגן הוט, האָבן אַלע באַלד אָנגעהויבן קוקן אַזוי אין זיין ריכטונג, און אַלע האָבן איהם געפרעגט וועגן דער גאַס, און ווי ער שפירט זיך, כאָטש בעצם האָט זיך גאָרנישט געענדערט 'אויף' זיין קאָפּ, ווייל ער האָט בטעות איבערגעלאָזט דעם אַלטן הוט. פונדעסטוועגן, האָט זיך עפעס געטוישט 'אין' זיין קאָפּ, אַז ער האָט אָנגעהויבן קוקן אויף זיך אַליין ווי איינער וואָס האָט עפּעס אַ ווערד אויף דער וועלט. ער איז מער נישט "איבעריג" חלילה, נאָר אַ מענטש צווישן מענטשן, און ממילא, האָבן אַלע איהם באַלד באַטראַכט אויפ'ן זעלבן וועג.

ממילא, דאַרף יעדער איינער פאַרשטיין אַז זיין גורל איז אין זיינע אייגענע הענט, נישט אין די הענט פון אַנדערע. אויף אַזאַ אופן, וועט ער האָבן אַ געהויבענעם גייסט און פאַרשטיין אַז בעצם איז ער גאָר אַ סאַך "ווערד", און מענטשן וועלן איהם טאַקע אָפּגעבן כבוד. און אונזער כוונה איז נישט דאָ דעם פשוט'ן באַגריף פון "כבוד", פון

שרייבט דער רמב"ן, אַז דאָס איז דערפאַר ווייל די תורה האָט געוואָלט אָפּגעבן כבוד פאַר ביידע ברידער: אפרים איז געוואָרן מכובד מיט דעם וואָס מ'האָט איהם מקדים געווען פריער ווי מנשה, און מנשה האָט באַקומען כבוד מיט דעם וואָס דער פסוק האָט איהם מייחס געווען אַלס אַ זון פון יוסף, עכ"ל.

איז דאָך דאָס אַ לימוד פאַר אונז, אויב דער אויבערשטער האָט אַזוי אַכטונג געגעבן אויפ'ן כבוד פון אפרים און מנשה אַז זיי זאָלן נישט האָבן חלישות הדעת, איז דאָך אַוודאי געוויס אַז מיר דאַרפן אָפּגעבן כבוד פאַר אַנדערע מענטשן אין די היינטיגע דורות[ט], ווען "צרכי עמך מרובים ודעתם קצרה"', און אפילו אויב איינער

וועלכן מ'דאַרף באמת יאָ אַנטלויפן, נאָר פון אַ "באַציאונג" וואָס גיט פאַר דעם מענטש, וועלכער איז נישט מער ווי "פלייש און בלוט", כח צו ערפילן זיין אויפגאַבע אויף דער וועלט.

**ט.** מענין לענין, אויף דעם פסוק אין דער היינטיגער סדרה (יג, כ) "ומה הארץ השמנה היא אם רזה, היש בה עץ אם אין, והתחזקתם ולקחתם מפרי הארץ", זאָגט דער "חתם סופר" זי"ע (ד"ה "היש בה"), אַז דאָס וואָרט "עץ" איז מרמז אויף דעם צדיק, וואָס איז "מגין על דורו כעץ", ער באַשיצט זיין דור פון אַלעם בייזן, אַזוי ווי אַ בוים. דאָס מיינט מען דעם בעל גמילות חסדים, וואָס די וועלט געניסט פון זיינע "פרוכט", אַזוי ווי אַן "עץ פרי עושה פרי", און ער איז מהנה מיט זיינע פרוכט די מענטשן פון דער וועלט. ער ווערט גערופן "עץ", ווייל ער שיצט אויף זיין דור אַזוי ווי אַ בוים. אויף דעם זאָגט דער פסוק, אַז משה רבינו ע"ה האָט באַפוילן פאַר די מרגלים, זיי זאָלן זעהן "היש בה עץ", צו עס געפינט זיך דאָרט אַ מענטש וואָס טוט חסד. פון די פרוכט פונעם לאַנד זאָלט איר נישט נעמען, ווייל אויב דאָס לאַנד האָט גוטע פרוכט, איז עס נאָך נישט אַ באַווייז אַז דאָס לאַנד איז געבענטשט, ווייל ס'איז דאָך מעגליך אַז אין זכות פון דעם צדיק זענען די פרוכט געבענטשט געוואָרן, און נישט דערפאַר ווייל דאָס לאַנד איז בעצם געבענטשט. "אם אין", אָבער אויב עס איז דאָרט נישט פאַרהאַן אַ צדיק וואָס טוט חסד מיט אַנדערע מענטשן, דאַן "והתחזקתם ולקחתם מפרי הארץ", זאָלט איר זיך שטאַרקן און נעמען פון די פרוכט פונעם לאַנד, ווייל דאָס איז אַ באַווייז אויף דעם מהות פונעם לאַנד. אויב די פרוכטן זענען גוט, איז אַ סימן אַז דאָס לאַנד איז געבענטשט. פון דעם לערנען מיר אויך די מעלה פון די גומלי חסדים, וואָס די גאַנצע וועלט ווערן געשפּייזט אין זייער זכות.

**י.** עס דערציילט הגה"ח רבי יהודה ניישלאס שליט"א, אַז ער האָט אַמאָל באַגלייט הגה"צ רבי חיים ברים זצ"ל אויף אַ ירושלים'ער גאַס, און עס איז צוגעקומען צו זיי אַ פרוי - ווי עס ווייזט אויס, אַ צובראָכענע פרוי - און זי האָט געזאָגט צו רבי חיים'ען, אַז עס קומט איר, ברוך השם, אַ "מזל טוב". האָט רבי חיים זיך געפרייט, און איר געפרעגט "לשמחה מה זו עושה", וואָס פאַראַ "מזל טוב" עס קומט איר. האָט די פרוי געענטפערט: "פּערעלע איז געווארן א כלה...". האָט רבי חיים - אַ פריילעכער - אויסגערופן: "מזל טוב! מזל טוב!". "איך וואַרט דאָך שוין אַזוי לאַנג צו הערן די גוטע בשורה! און אָט איז עס אָנגעקומען. ווער איז דער גליקליכער בחור?".

האָט די פרוי געענטפערט, דער בחור איז "פלוני אלמוני". ווען רבי חיים האָט געהערט דעם נאָמען פונעם חתן, האָט ער געטראַכט אַ מינוט, ווי איינער וואָס קען קוים גלייבן וואָס ער הערט, און ער האָט זיך אָנגערופן צו איר: "באמת? צו דען ווייסט איר ועמען איר האָט באַקומען אַלס אַ חתן פאַר אייער טאָכטער? איר האָט דאָך באַקומען ממש ווי דעם 'חזון איש'... איר האָט געהערט פון דעם 'חזון איש'?...". האָט זי געענטפערט: "אַוודאי, האָב איך געהערט וועגן דעם 'חזון איש'. ווער האָט דען נישט געהערט וועגן דעם 'חזון איש'...". זאָגט איר רבי חיים: "נו, וויסן זאָלט איר, אַז אייער טאָכטער האָט זוכה געווען אינעם 'חזון איש' פון היינטיגן דור...".

דערנאָך האָט רבי חיים ברים ווייטער געפרעגט די פרוי: "און פון רבי עקיבא איגר, האט איר געהערט?". האָט די פרוי געלאָזט טרערן פון התרגשות פון אירע אויגן, און געענטפערט: "נו, אַוודאי האָב איך געהערט אויך וועגן דעם גאון רבי עקיבא איגר. די גאַנצע וועלט ווייסן דאָך צו דערציילן וועגן דעם קדוש ישראל, דער גאון הדורות רבי עקיבא איגר". האָט רבי חיים איר געזאָגט: "לויט ווי מ'שמועסט, איז דער חתן אייערער דער קומענדיגער 'רבי עקיבא איגר', וואָס וועט פאַרשיינען די גאַנצע וועלט מיט זיין תורה...".

האָט די פרוי אויסגעבראָכן אין אַ געוויין פון התרגשות: "אוי, ווי אַזוי האָב איך זוכה געווען דערצו?... מסתמא איז עס נאָר אין זכות פון מיינע טייערע עלטערן, זיידעס און באָבעס, וואָס האָבן זיך באַמיט פאַר מיר אין הימל".

האָט דיר געטשעפּעט, זאָלסטו איהם נישט צוריקענטפערן, ווייל מיר קענען קיינמאָל נישט וויסן פאַרוואָס יענער האָט דיר געטשעפּעט און פאַרשעמט. מיר קענען דאָך נישט וויסן וואָס פאַראַ צרות עס דרוקן אויף איהם.

**והייתם קדושים - דווקא דורך די נסיונות קען מען אָנקומען צו העכערקייט**

**ולא** תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם אשר אתם זונים אחריהם, למען תזכרו ועשיתם את כל מצוותי, והייתם קדושים לאלוקיכם (טו, לט). זאָגט דער "תרגום יהונתן": "ותהוון קדישין הי כמלאכיא דמשמשין קדם ה' אלקיכון", איר וועט זיין הייליג אַזוי ווי די מלאכים וואָס באַדינען דעם אויבערשטען"[יא].

**דאָס** איז פאַר אונז אַ מורא'דיגע יסוד אין לעבן, דער מענטש טאָר נישט ווערן געפאַלן ביי זיך ווען ער זעהט מיט וואָס פאַראַ נסיונות ער ווערט געפּרואווט אין די נידעריגסטע ענינים - יעדער מענטש, מיט זיינע

האָט רבי חיים איר געזאָגט: "און איך טראַכט, אַז נישט 'זכות אבות' האָט בייגעשטייערט צו דעם שידוך, נאָר דער זכות פון אייערע פילצאָליגע מעשים טובים וואָס איר טוט, ווי אויך אייערע ריינע און לויטערע תפילות וואָס איר פאַרגיסט פאַר'ן באַשעפער"... דאַן, איז די פרוי זיך געגאַנגען איר וועג.

שפּעטער האָט דער מספר ר' יודל ניישלאָס שליט"א הנ"ל זיך געוואונדערט פאַר רבי חיים ברים, ווער איז דאָס דער חתן וואָס טוט איינגלידערן אין זיך די גאונים רבי עקיבא איגר און דער 'חזון איש'? האָט רבי חיים איהם איינגערוימט אין אויער, מיט אַ ברייטן שמייכל: "אמת'דיג גערעדט, ווייס איך בכלל נישט ווער עס איז די פרוי מיט וועמען איך האָב דאָ יעצט גערעדט, און וועגן וועמען מיר האָבן גערעדט. עס דערקענט זיך אָבער 'צווישן די שורות', אַז דאָ האַנדלט זיך פון אַ צובראָכענע פרוי, און אויב דער אויבערשטער האָט מיר צוגעשיקט אַזאַ מצוה, דאַרף איך עס טוהן מיט אַלע הידורים, און אַפילו צולייגן גוטע ווערטער, כדי צו שטאַרקן אַ צובראָכענע פרוי"...

"המפורסמות אין צריכות ראיה", מ'דאַרף נישט אויפווייזן מיט ראיות ווי ווייט אַ מענטש ווערט אָנגעפילט מיט כח און מח, מיט אַ שמחת החיים, ווען עמיצער זאָגט איהם אַ וואָרט פון חיזוק, אַפילו אַ 'כל שהוא', און אַוודאי געוויס ווען עס איז אין אַן אופן פון "מדה טובה מרובה".

צוואָנציג יאָר נאָך דעם ווי דער גאון און מקובל בעל "לשם שבו ואחלמה" (באַקאַנט אַלס דער "בעל הלשם") האָט אַרויסגעגעבן זיין טיפזיניגן חיבור אויף תורת הקבלה, האָט ער געהערט, אַז בשעתו, ווען דאָס ספר איז אָנגעקומען אין באַגדאַד, האָט הגה"ק בעל "בן איש חי" זצ"ל זיך אַויסגעלאָזט אין אַ טענצל לכבוד דעם נייעם ספר, און ער האָט זיך נישט באַרואיגט ביז ער האָט געשטעלט אַ חופה, אַזוי ווי מ'טוט ביי אַ הכנסת ספר תורה.

ווען דער "לשם" האָט געהערט דערפון, האָט ער אויסגעבראָכן אין אַ געוויין, און אויף די פאַרוואונדערונג פון זיינע שטוב מענטשן פאַרוואָס ער וויינט, האָט ער זיי געוויזן אַז ער האָט ביי זיך אין צימער נאָך אַ סאַך כתבים וואו ער רעדט פון חכמת הקבלה, און אויב ער וואָלט געוואוסט אַז מ'לויבט אַזוי אויף דער וועלט זיינע ספרים, וואָלט ער דאָך אַרויסגעגעבן נאָך אַ סאַך ספרים... קומט אויס אַז געפילן פון חיזוק האָבן אַן איינפלוס אַפילו אויף אַזאַ גרויסן צדיק ווי ס'איז געווען דער "לשם", און אַוודאי געוויס פאַר 'פשוט'ע מענטשן ווי מיר זענען.

די ספרים זאָגן על דרך מליצה, אויף די ווערטער פון רש"י ז"ל (אָנהייב פרשת בהעלותך) להגיד שבחו של אהרן, זאָגט פאַר דיין חבר שבחים און לויב-געזאַנקען, "שלא שינה", כאָטש דו זעהסט נישט אויף איהם אַ "שינוי". וואַרט נישט אַז ער זאָל ווערן אינגאַנצן צובראָכן ביי זיך, ביז מ'וועט עס שוין דערקענען אויף איהם...

**יא.** מיר לייענען אין דער היינטיגער סדרה (טו, לח) "ונתנו על ציצית הכנף פתיל תכלת", און חז"ל זאָגן, אַז מ'לייגט אַריין "תכלת" אין די ציצית, ווייל תכלת איז ענליך צום ים, און דער ים האָט אַן ענליכן קאָליר ווי דער הימל, און דער הימל איז גליך צום כסא הכבוד. אַזוי, אַז דורך אָנטוהן "תכלת", דערמאַנט זיך דער מענטש פונעם "כסא הכבוד". איז לכאורה שווער, פאַרוואָס האָבן די חז"ל נישט געזאָגט, "תכלת דומה לכסא הכבוד", תכלת איז ענליך צום כסא הכבוד? פאַרוואָס האָבן זיי געדאַרפט אַריינשטעלן אינצווישן דעם צושטעל צום ים, און צום הימל, און ערשט דערנאָך צום כסא הכבוד?

איז דער תירוץ, אַז פון דעם לערנען מיר אַ גרויסן לימוד אין די וועגן פון עבודת ה', דער מענטש זאָל נישט אַרויפשפּרינגען גלייך צום "כסא הכבוד", צו זיין ווי די מלאכים פון הימל און צו אַ מדריגה צו וועלכע ער האָט נישט קיין שייכות, נאָר ער זאָל אַרויפגיין אויפ'ן לייטער פון עבודה ה' צוביסלעך, איין טרעפּל נאָכ'ן אַנדערן. ער

איינעגע נסיונות - ווייל אדרבה, דווקא דורך די נסיונות, ווערט דער מענטש געהייליגט צו זיין אַזוי ווי א מלאך פון הימל.

**דער** פירוש פון "תרגום יונתן" דאַרפן לכאורה זיין אַ הסבר אויף די פסוקים. פרעגט הרה"ק מהרי"ד מבעלזא זי"ע ("לקט אמרי קודש", פרשתינו), וואו געפינט מען דען אין פסוק אַ רמז אַז די אידן זענען הייליג אַזוי ווי די מלאכים (דער פשוט'ער תירוץ איז, ווייל דער פסוק זאָגט "והייתם קדושים לאלקיכם", אָבער אין אַנדערע פלעצער זאָגט די תורה "קדושים תהיו", און נישט "לאלוקיכם").

**זאָגט** דער בעלזער רב זי"ע, עס איז ידוע וואָס די תלמידי הבעל שם טוב פרעגן, פאַרוואָס געפינט מען אַז אויך גרויסע צדיקים, וואָס האָבן זיך שוין געהייליגט מיט אַלע זייערע רמ"ח איברים און שס"ה גידים, און זענען אין אַ בחינה פון "בלתי לה' לבדו", שטייען נאָך אַלץ פאַר שווערע נסיונות, און צו זייער מלחמה מיט'ן יצר נעמט נישט אַ סוף? נאָר וואָס דען, אַזוי לאַנג ווי דער מענטש האָט אַ גרויסע מלחמה מכניע צו זיין דעם יצר הרע[יב], לויט די גרויסע עבודה וואָס ער לייגט אַראָפּ פאַר דעם, ווערט ער דערהויבן העכער און העכער, ביז ער וועט זוכה זיין אויך אויף דער וועלט - זייענדיג נאָך אין אַ גוף - צו די קדושה פון די מלאכים[יג].

**וועגן** דעם זאָגט דער פסוק, אַז אויך נאָך דעם ווי איר האָט שוין מקיים געווען "וזכרתם את כל מצוות

---

זאָל אָנהייבן פון "תכלת", און פאַרזעצן מיט "ים", און פון דאָרט וועט ער אַרויפגיין צום הימל, יעדער איינער לויט זיין ענין און מצב. דאַן איז ער פאַרזיכערט אַז צום סוף וועט ער אָנקומען צום "כסא הכבוד"...

דער עיקר איז צו האַלטן חשוב יעדע קליינע פעולה, וויסנדיג אַז "קובץ על יד ירבה". עס איז באַקאַנט וואָס הרה"ק רבי פנחס'ל קאָריצער זי"ע זאָגט ("אמרי פנחס", פרשתינו) אויפ'ן פסוק אין דער הייינטיגער פרשה (יד, לה) "במדבר הזה יתמו ושם ימתו". "יתמו" איז פון לשון "תמימות", גאַנץ. די ווערטער "יתמו" און "ימתו" האָבן די זעלבע אותיות. דער גאַנצער חילוק איז נאָר דאָס קליינע פינטעלע אין דעם אות תי"ו. פון דעם קען מען לערנען, ווי יעדע קלייניגקייט, אַפילו אַ פינטעלע, קען אויפהייבן דעם מענטש פון "ימותו" ח"ו צו "יתמו" - שלימות.

**יב.** דער גערער רבי, הרה"ק בעל "בית ישראל" זי"ע, האָט אַמאָל געזאָגט וועגן צוויי חשוב'ע בחורים: "ס'איז אינטערעסאַנט ווער פון פון זיי ביידע וועט אויסוואַקסן גרעסער פונעם צווייטן". לאַנגע יאָרן שפּעטער, ווען די בחורים זענען שוין געווען עלטערע יונגעלייט, האָבן זיי זיך געטראָפן, און איינער האָט געפרעגט דעם אַנדערן: "נו, וואָס איז געוואָרן למעשה?... (ווער פון אונז איז אויסגעוואַקסן גרעסער?)". האָט דער צווייטער געענטפערט מיט אַ טאָן פון פאַרוואונדערונג: "וואָס איז געוואָרן... וואָס איז געוואָרן... די מלחמה גייט נאָך אָן אין פולן שוואונג"... ער האָט געמיינט צו זאָגן, אַזוי לאַנג ווי דער מענטש לעבט אויף דער וועלט, האַלט ער נאָך אינמיטן די מלחמה מיט'ן יצר הרע, וועלכער לאָזט קיינעם נישט צורוה ביז זיין לעצטע מינוט אויף דער וועלט.

**יג.** דאָס איז ספּעציעל געזאָגט געוואָרן בנוגע צו "אחרי לבבכם ואחרי עיניכם", ביי זאַכן וואָס עס גליסט דאָס האַרץ פון מענטש, יעדער איינער לויט זיין בחינה.

אין די אַמאָליגע יאָרן, ווען עס האָט געהערשט אָרימקייט און דחקות רח"ל אין יעדן ווינקל אין ירושלים, פלעגן די חדרים אין שטאָט געבן פאַר די תלמידים יעדן ראש חודש, אַ שטיקל "מזונות". איינע פון די תלמידים, אַ וואויל יונגל, האָט - מחמת ליבשאַפט צו זיין טאַטן - באַשלאָסן זיך איינצוהאַלטן מיט אַלע כוחות נישט צו עסן דאָס שטיקלע קוכן וואָס מ'האָט איהם געגעבן, נאָר עס אַוועקצושענקען אַלס אַ מתנה פאַר זיין הונגעריגן טאַטן. באַלד נאָך דעם ווי ער האָט באַקומען דאָס שטיקל קוכן פונעם מלמד, האָט ער איינגעוויקלט אין אַ שטיקל פאַפּיר, און האָט זיך געהיטן מיט אַלע כוחות נישט אַריינצופאַלן אין אַ נסיון צו וועלן עסן דאָס קיכל. ביי די ערשטע "הפסקה" אין חדר, האָט ער געעפנט דאָס שטיקל פאַפּיר, און האָט געקוקט אויפ'ן קוכן, און געזעהן אַז עס איז גוט. האָט ער זיך נישט געקענט איינהאַלטן, און האָט אַרייגעביסן דערין אַ "כל שהוא". ער האָט אָבער באַלד דערנאָך איינגעפּאַקט דאָס שטיקל פאַפּיר. די זעלבע סצענע, האָט זיך אָפּגעשפּילט אויך ביי די צווייטע "הפסקה" אין דער תלמוד תורה. ער האָט נאָך אַמאָל געעפנט דאָס פאַפּיר, און זעהענדיג דאָס שטיקל קוכן, האָט ער אַריינגעביסן אין דער צווייטער זייט... ענדע טאָג, ווען ער איז אַהיים געקומען, האָט ער דערלאַנגט דאָס שטיקל קוכן פאַר זיין טאַטן, זאָגנדיג מיט ליבשאַפט: "זעה נאָר, טאַטע, וואָס איך האָב דיר געברענגט פון חדר...".

ה' ועשיתם אותם", וועט איר זיך נאָך אַלץ דאַרפן פלאָגן מקיים צו זיין "ולא תתורו"... און נאָר אַזוי קענט איר זוכה זיין צו די קדושה פון די מלאכים, "והייתם קדושים לאלוקיכם"[יד].

**דאָס** איז אַ לימוד פאַר אונז אַלע, יעדער איינער לויט זיין בחינה און מדריגה, אַז ער טאָר נישט ווערן צובראָכן און אַריינפאַלן אין יאוש ח"ו ווען ער זעהט אַז נסיונות נעמען איהם אַרום אָן אַ סוף, ווייל אדרבה,

---

דער פאָטער איז געוואָרן פריילך פון זיין קינד, אָבער ווען ער האָט געעפענט דאָס שטיקל פאַפיר און געזעהן אַז דאָס שטיקל קוכן איז "איינגעביסן" פון אַלע זייטן, האָט ער פאַרלאָזט צוויי טרערן פון התרגשות, זעהענדיג ווי ווייט זיין קינד האָט געגליסט צו עסן דאָס קיכל, און ער איז שוין אפילו "נכשל" געוואָרן מיט אַריינבייסן דאָ און דאָרט, אָבער מיט דעם אַלעם, האָט ער זיך איינגעהאַלטן מיט מסירות נפש, כדי צו ראַטעווען וויפיל נאָר מעגליך, פאַר זיין הונגעריגן טאַטן. ממילא, איז דער טאַטע נאָך פיל מער נתרגש געוואָרן פון זיין קינד'ס רצון און גוטסקייט.

די מעשה איז אַ לימוד אויך פאַר אונז: דו ביזט דורכגעפאַלן און געשטרויכלט געוואָרן, מ'האָט שוין "אַריינגעביסן" אין דיר פון יעדע זייט און פון יעדן ווינקל, אָבער אדרבה, דווקא ווען דו וועסט תשובה טוהן און דו וועסט שענקען פאַר'ן באַשעפער דאָס וואָס ס'איז "איבערגעבליבן" נאָכ'ן "אַריינבייסן", וועט דיין מתנה זיין פיל מער באַליבט פאַר דעם אויבערשטען.

אַ בחור האָט זיך אויסגעוויינט דאָס האַרץ פאַר אא"ז הרה"ק רבי משה מרדכי מלעלוב זי"ע, אַז ער פאַלט כסדר אַריין אין דער נעץ פונעם יצר הרע. ער איז שוין אינגאַנצן מיואש פון זיך אַליין. האָט דער רבי איהם געזאָגט:

- אויב דו וואָלסט געוואוסט וואָס פאַראַ פאַרגעניגן און פרייד עס האָבן די מלאכים אין הימל, ווען זיי זעהען ווי דו פירסט אַ 'מלחמה' מיט דיין יצר, און ווי דו פּרואווסט מיט דיינע לעצטע כוחות קעמפן מיט דיין יצר הרע, וואָלסטו נישט געוויינט, ווייל דו וואָלסט געהאַלטן גאָר טייער דעם עצם קאַמף מיט'ן יצר, וויסנדיג ווי חשוב דאָס איז אין הימל (ס'האָט נישט אַ שייכות צו דו האָסט צום סוף געזיגט, אָדער נישט).

**יד.** ביי די עבודה פון יום כיפור זאָגט דער פסוק (ויקרא טז, יז) "וכל אדם לא יהיה באהל מועד בבואו לכפר בקודש עד צאתו", און חז"ל זאָגן (ירושלמי, יומא, פ"ה, ה"ב) אַז דאָס וואָרט "וכל" קומט מרבה צו זיין די מלאכים פון הימל, אַז אויך אויף זיי איז דאָ אַן איסור, אַז זיי טאָרן נישט זיין אָנוועזענד אין קדשי קדשים ווען דער כהן גדול טוט זיין עבודה אין יום כיפור.

זאָגט דער "ישמח משה" (פ' ראה, ד"ה "והיה המקום") אַז די מלאכים קענען נישט אַריינגיין "לפני ולפנים" אין קודש הקדשים אין דער העכסטער צייט פון יאָר, יום כיפור, ווייל נאָר דער כהן גדול, "שנזדכך על ידי בחירתו בטוב" - וואָס ער איז געוואָרן געלייטערט דורך דעם וואָס ער האָט אויסגעוויילט דעם גוטן וועג, דאָס הייסט, ער איז בייגעשטאַנען אַלע זיינע נסיונות און האָט זיך געשטאַרקט אויף זיין יצר הרע, נאָר ער אַליין קען אַריינקומען אין קודש הקדשים. מה שאין כן די מלאכים, וואָס ביי זיי איז נישט דאָ אַ יצר הרע, און נישט קנאה און שנאה (שבת פט.), פעלט דאָך ביי זיי די דאָזיגע מעלה פון ביישטיין אַ נסיון, דעריבער האָבן זיי נישט געהאַט רשות אַריינצוקומען אין קודש הקדשים.

זעהען מיר אויך פון דעם, אַז דורך דעם וואָס מ'שטאַרקט זיך אין צייט פון אַ נסיון, איז מען זוכה צו שטייגן צו אַ מדריגה העכער ווי אַ מלאך. און וועגן דעם ווערט דער בית המקדש אָנגערופן אין לשון פון חז"ל (סנהדרין כ: ועוד) "בית הבחירה", ווייל דורך די "בחירה" צו גיין אויפ'ן גוטן וועג, זענען די כהנים חשוב צו קענען טוהן די עבודה אין בית המקדש.

צוליב דעם זאָגט דער תנא אין אבות (פ"ה מכ"ב) "לפום צערא אגרא" (מ'באַקומט שכר לויט דעם צער מקיים צו זיין די מצוות). דער תנא זאָגט עס אין אַרמ'ישן לשון, כאָטש גאַנץ מסכת אבות איז געזאָגט געוואָרן אויף לשון הקודש, ווייל תוספות זאָגט (ברכות ג., ד"ה "היה"), אַז די וועלט זאָגט, אַז דערפאַר זאָגט מען קדיש אויף לשון ארמית, ווייל עס איז אַ שיינע תפלה און אַ גרויסער שבח פאַר דעם אויבערשטען, דערפאַר איז עס אין לשון תרגום, כדי די מלאכים זאָלן נישט פאַרשטיין [ווי די גמרא זאָגט (שבת יב:) אַז די מלאכים קענען נישט די אַרמ'ישע שפּראַך] און זיי זאָלן האָבן נישט קנאה אויף די אידן. וועגן דעם זאָגט אויך דער תנא אין אבות אַן אַרמ'יש לשון, ווען ער רעדט וועגן דעם אַז צוליב די שוועריגקייט אין די מלחמת היצר, באַקומט מען אַ גרעסערן שכר, כדי די מלאכים זאָלן נישט פאַרשטיין וואָס מיר זאָגן, און זיי זאָלן נישט האָבן קנאה אויף אונז...

די נסיונות קומען איהם אויפצוהייבן גאָר הויך, און ער זאָל זיין רואיג, ווייל אויך די גרעסטע צדיקים און קדושים האָבן שווערע נסיונות, און פון דאָרט שטאַמט זייער גאַנצע גרויסקייט[טו].

**אַזוי** זאָגט דער "שם משמואל" (נשא, עת"ר) אויף די ווערטער פון דער גמרא (שבת פח: פט.) רבי יהושע בן לוי האָט געזאָגט, ווען משה רבינו ע"ה איז אַרויף אין הימל, האָבן די מלאכים געזאָגט צו דעם אויבערשטען, רבונו של עולם, וואָס האָט אַ "ילוד אשה" צו זוכן צווישן אונז? האָט דער אויבערשטער זיי געענטפערט, אַז משה איז געקומען נעמען די תורה. האָבן די מלאכים גע'טענה'ט, "תנה הודך על השמים", וגו', און דער באַשעפער האָט באַפוילן פאַר משה ער זאָל געבן פאַר די מלאכים אַן ענטפער. האָט משה געזאָגט: רבונו של עולם, די תורה וואָס דו געבסט מיר, וואָס שטייט אין איר?... און ער האָט געפרעגט די מלאכים: "צו האָט איר דען קנאה? צו האָט איר דען אַ יצר הרע?".

**איז** שווער, די מלאכים האָבן דאָך נישט געמיינט מקבל צו זיין די תורה אויף איר פשטות'דיגן אופן, ווייל זיי קענען דאָך נישט מקיים זיין 'גשמיות'דיגע' מצוות. האָבן זיי אַוודאי געמיינט מקיים צו זיין די תורה אויף אַ 'פנימיות'דיגן' וועג, אָן דעם אַז זיי זאָלן דאַרפן מקיים זיין די מצוות בפועל אויף דער וועלט. אויב אַזוי, וואָס איז געווען משה'ס ענטפער, "קנאה יש ביניכם, יצר הרע יש ביניכם"?

**ענטפערט** דער "שם משמואל", דער מענטש קען נישט אָנקומען צו שלימות פון קנין און קדושת התורה, נאָר ווען ער שטייט אין דער מלחמה מיט'ן יצר הרע און ער שטייט-ביי אַלע נסיונות. ממילא, אויב די מלאכים האָבן נישט קנאה און קאָנקורענץ איינער מיט'ן אַנדערן, און זיי האָבן נישט אַ יצר הרע פיל מיט תאוות, האָבן זיי דאָך נישט וואָס צו נעמען די תורה...

**דאָס** איז דערפאַר, ווייל - ווי געזאָגט אויבן - נאָר דער מענטש וואָס פאַרמאָגט אין זיך אַ יצר הרע וואָס 'ברענט' מיט תאוות, האָט אַ גרעסערע מעלה, ווען ער איז מכניע זיין יצר הרע. דאַן דערגרייכט ער העכער ווי די מדרגה פון די מלאכים, און אַזוי קען ער מקבל זיין די תורה[טז].

---

**טו.** דער בעלזער רב זי"ע גיט-צו, אַז דאָס זעלבע איז אויך פאַרקערט, אויך דער מענטש וואָס איז זוכה צו אַ מדרגה פון "והייתם קדושים לאלקיכם", דאַרף וויסן אַז דאָס איז אינגאַנצן נישט אין זיין אייגענעם כוח, נאָר דער אויבערשטער העלפט איהם באַזיגן דעם יצר הרע, ווי די חז"ל זאָגן "אלמלא הקדוש ברוך הוא עוזרו, לא היה יכול לו". די מלאכים האָבן דאָך נישט אַ יצר הרע, און נישט גשמיות'דיגע תאוות, און ממילא איז זייער הייליגקייט בלויז אַ מתנה פון הימל.

ער האָט צוגעגעבן אין נאָמען פון הייליגן "שרף" פון סטרעליסק זי"ע, אַז די עיקר עבודה פונעם מענטש איז צו בעטן דעם אויבערשטען. און ער אַליין (דער סטרעליסקער), ביי יעדע זאַך וואָס ער האָט זיך געוואָלט שטאַרקן, איז דער עיקר ביי איהם געווען צו בעטן דעם אויבערשטען אַז ער זאָל איהם העלפן דורכפירן די זאַך. דעריבער זאָגט דער תרגום יונתן, אַזוי ווי די מלאכים, וואָס האָבן נישט אַ יצר הרע... און אויף דעם לייגט-צו דער פסוק: "אשר הוצאתי אתכם מארץ מצרים, וואָס איך האָב ענק אַרויסגעצויגן פון לאַנד מצרים, ווייל דאָרט איז אַלעס געווען נאָר מיט אַן "אתערותא דלעילא"...

**טז.** דער מהר"ל זצ"ל (דרוש עה"ת, יג.) זאָגט, לכאורה איז שווער, פאַרוואָס האָט דער אויבערשטער געהייסן פאַר משה ער זאָל ענטפערן אַ תשובה פאַר די מלאכים, און דער אויבערשטער האָט נישט אַליין געענטפערט צו די מלאכים? זאָגט דער מהר"ל, אַז דער אויבערשטער האָט נישט געוואָלט זאָגן אַז דער מענטש האָט עפּעס אַ חסרון אין זיין באַשאַפונג (דער יצר הרע), און דערפאַר האָט דער אויבערשטער געוואָלט אַז משה רבינו ע"ה אַליין זאָל אַזוי ענטפערן פאַר די מלאכים (עיי"ש).

פון דאָ לערנען מיר אויך אַ וואונדערליכע זאַך, אַז די אידן דאַרפן וויסן און פאַרשטיין, אַז זיי זענען ראוי מקבל צו זיין די תורה צוליב דעם יצר הרע וואָס געפינט זיך ביי זיי, און ממילא, דאַרפן מיר זיך שטאַרק מתבונן זיין אין דער דאָזיגער מעלה, אַז וואויל איז אונזער חלק, אַז מיר, 'קרוצי חומר', זענען זוכה גורם צו זיין אַ נחת רוח פאַר דעם אויבערשטען ברוך הוא!

**אַזוי** לייענען מיר אויך אין דער היינטיגער סדרה (יד, כד), דער אויבערשטער האָט געזאָגט: "ועבדי כלב, עקב היתה רוח אחרת עמו, וימלא אחרי". זאָגט דער "אור החיים" הקדוש, אַז דאָ לערנען מיר די חשיבות פון די מענטשן וואָס דינען דעם אויבערשטען מיט שוועריגקייטן און נסיונות, און זיי זענען זוכה צו אָנגערופן ווערן אַ קנעכט פון דעם אויבערשטען.

**אויף** דעם זאָגט דער פסוק: "ועבדי כלב" - צו וויסטו פאַרוואָס ער ווערט אָנגערופן "עבדי" - מיין קנעכט? "עקב היתה רוח אחרת עמו", ווייל ער האָט געהאַט אַ נסיון צו טראַכטן אַנדערש ח"ו ווי ס'איז געווען דער ציווי פון באַשעפער. כאָטש יהושע איז אויך נישט נכשל געוואָרן מיט'ן חטא פון די מרגלים, רופט ער איהם נישט "עבדי" - מיין קנעכט, ווייל יהושע האָט געהאַט צוהילף די תפילה פון משה רבינו ע"ה וואָס ער האָט מתפלל געווען פאַר איהם, "י-ה יושיעך מעצת מרגלים", און ממילא, איז ער אינגאַנצן נישט אָנגעקומען צו אַ נסיון. אַנדערש איז אָבער געווען מיט כלב, וועלכער האָט זיך געפונען אין אַ געפאַר נכשל צו ווערן דורך דעם יצר הרע און צו רעדן שלעכטס ח"ו אויף ארץ ישראל ("עקב היתה רוח אחרת עמו", אָבער צום סוף "וימלא אחרי"), והא ראיה - מיר זעהען דאָך אַז כלב איז געגאַנגען מתפלל זיין ביי די קברים פון אונזערע הייליגע אבות אין חברון אַז ער זאָל געראַטעוועט ווערן פון די עצה פון די מרגלים, אָבער ער האָט זיך געראַטעוועט דערפון אַדאַנק זיין תפלה, דורך דעם האָט ער זוכה געווען גערופן צו ווערן "עבדי כלב", אַזוי ווי משה רבינו ע"ה.

**דאָס** זיך שטאַרקן איבער דעם יצר הרע, איז טייער אין די אויגן פון דעם אויבערשטען, ווייל דורכ'ן ביישטיין דעם קאַמף און די שווערע מלחמה, איז מען זוכה צו דערהויבן ווערן צו אַ הויכע מדריגה, ווי הרה"ק בעל "שפת אמת" זי"ע טייטשט (בהעלותך, תרנ"ז) דעם פסוק (ישעיה ט, א) "העם ההולכים בחושך ראו אור גדול". נאָר דורך דעם וואָס זיי זענען געגאַנגען אין דער פינצטערניש ("ההולכים בחושך"), און האָבן פאַרגעזעצט צו גיין אויף זייער וועג טראָץ די פינצטערניש און די הסתרה, האָבן זיי דעריבער זוכה געווען צו אַ גרויסע לעכטיגקייט ("אור גדול"). און אויף דעם זאָגט דער פסוק (מיכה ז, ח) "כי אשב בחושך, ה' אור לי". דורך דעם "חושך", איז דער מענטש זוכה צו אַ מדריגה פון "ה' אור לי" - דער אויבערשטער וועט זיין פאַר איהם אַ זייל פון לעכטיגקייט.

### ולא תתורו - דער גרויסער חיוב צו אָפּהיטן די אויגן

**ולא** תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם (טו, לט). דער "בית יוסף" (אבן העזר, סי' כא) איז גאָר שטאַרק מאריך איבער דעם האַרבן איסור פון שמירת העינים. צווישן אַנדערע, ברענגט ער דאָס לשון פון רבינו יונה (אגרת התשובה, יט כ) "ואשר לא נשא עיניו זוכה ותחזינה עיניו בנועם ה', מדה כנגד מדה", און דער מענטש וואָס הייבט נישט אויף זיינע אויגן, איז זוכה אַז זיינע אויגן וועלן זעהן די זיסקייט פון דעם אויבערשטען, "מדה כנגד מדה", ווייל אַזוי זאָגן חז"ל (ויק"ר, פכ"ג, יג) אַז דער מענטש וואָס האַלט צוריק זיינע אויגן פון עריות רח"ל, איז זוכה מקבל פנים צו זיין די שכינה, ווי דער פסוק זאָגט (ישעיה לג, טו) "עוצם עיניו מראות ברע", דער מענטש וואָס האַלט-צוריק זיינע אויגן פון זעהן שלעכטס, זאָגט דערנאָך דער פסוק (פסוק יז) "מלך ביופיו תחזינה עיניך" - דיינע אויגן וועלן זעהן דעם קעניג אין זיין גאַנצן פראַכט און שיינקייט".

---

**יז.** אַ גוטע עצה קעגן דעם יצר הרע, שרייבט דער "קדושת לוי" (פרשתינו, ד"ה "עלו") אויף דעם פסוק אין דער היינטיגער סדרה (יג, יז) "ועליתם את ההר". ווען דער יצר הרע קומט איבעררעדן דעם מענטש צו אַן עבירה, דאַרף ער איהם זאָגן, דיין גאַנצער ציל און שטרעבונג איז דאָך נאָר מיך צו שטרויכלען צו טוהן די עבירה ווייל דורך דעם וועל איך האָבן אַ פאַרגעניגן. אויב אַזוי, איז דאָך בעסער פאַר מיר אַז איך זאָל נישט הערן דיינע ווערטער, און דאַן וועל איך האָבן אַ שטענדיגן תענוג אויף אייביג, ווי איידער איך זאָל הערן דיין קול, וואָס דאַן וועל איך האָב אַ תענוג בלויז פאַר אַ קורצע צייט. דאָס איז די כוונה פון פסוק: "ועליתם את ההר". "הר" איז מרמז אויפ'ן יצר הרע (סוכה נב.), די כוונה פון פסוק איז, אַז פון דעם עצם איבעררעדן פונעם הרע צו טוהן אַן עבירה רח"ל, קען דער מענטש אויפגעהויבן ווערן ("ועליתם"), דורך דעם וואָס ער וועט איהם נישט פאָלגן, און ער וועט באַקומען אַ בעסערן תענוג פון דעם אויבערשטען, וואָס ער באַצאָלט שכר פאַר די ערליכע אידן.

**דער** הייליגער חיד"א זי"ע זאָגט (כסא דוד", דרוש כו, "פתח עינים", שבת סד.) אויפ'ן פסוק "ולא תתורו אחרי לבבכם" וגו', די גמרא זאָגט (שבת סד.) אַז נאָך די מלחמה מיט מדין, האָבן די "שרי אלפים" און "שרי מאות" געזאָגט צו משה רבינו ע"ה: "מידי עבירה יצאנו, מידי הרהור לא יצאנו". מיר זענען אַרויסגעגאַנגען פון די עבירה, אָבער מיר זענען נישט געווען אינגאַנצן באַפרייט פון דעם געדאַנק פון די עבירה, און באַלד דערנאָך זאָגט דער פסוק: "ונקרב את קרבן ה'". מיר האָבן מקריב געווען אַ קרבן פאַר דעם אויבערשטען.

**פרעגט** דער חיד"א, פאַרוואָס האָבן די אידן געדאַרפט האָבן אַ כפרה דערויף, די גמרא זאָגט דאָך (קידושין לט:) "מחשבה רעה אין הקדוש ברוך הוא מצרפה למעשה" - אַ שלעכטע מחשבה ווערט נישט גערעכנט ווי אַ מעשה עבירה ח"ו. אויב אַזוי, איז דאָך נישט געפערליך אַז "לא יצאנו מידי הרהור", מיר האָבן געהאַט שלעכטע מחשבות. עס ווערט דאָך נישט גערעכנט אַלס אַן עבירה?

**ברענגט** דער חיד"א, אין נאָמען פון הרב מהר"י אירגאַס (שאלות ותשובות "דברי יוסף", סי' ס') אַז דאָס וואָס די גמרא זאָגט "מחשבה רעה אין הקדוש ברוך הוא מצרפה למעשה", איז נאָר אויף אַן אופן ווען דער מענטש האָט געוואָלט טוהן די עבירה און ער האָט עס נישט געטוהן. צום ביישפּיל, ער האָט געטראַכט אָנצוטוהן שעטנז, און צום סוף האָט ער עס נישט אָנגעטוהן. אָבער אין אַ פאַל וואו די מחשבה אַליין איז אַן עבירה, איז דאָך אַוודאי אַז ער דאַרף האָבן אַ כפרה אויף די עצם מחשבה, און וועגן דעם האָבן די אידן געדאַרפט ברענגען אַ כפרה אויף דעם וואָס זיי זענען נישט אַרויס פון די שלעכטע מחשבה.

**לויט** דעם טייטשט דער חיד"א ז"ל דעם פסוק: "ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם". וועט דער מענטש זאָגן, עס איז דאָך נישט מער ווי אַ מחשבה און דער אויבערשטער איז נישט מצרף די שלעכטע מחשבה צו אַ מעשה? פירט אויס דער פסוק: "אשר אתם זונים". דאָ איז די מחשבה יאָ אַן עבירה, ווייל "אחריהם" - נאָך די שלעכטע מחשבה קומט אַ מעשה פון עבירה רח"ל.

**דער** חיד"א פירט-אויס מיט די ווערטער פונעם רבינו יונה ז"ל, אַז דער מענטש וואָס קוקט וואו מ'טאָר נישט קוקן, ווערט גערעכנט ווי אַ "מומר לדבר אחד" רח"ל (דאָס הייסט, ער געוואוינט זיך דערצו במזיד רח"ל).

**הרה"ק** רבי שמואל קאַמינקער זי"ע האָט געטייטשט די ווערטער "ולא תתורו". "תתורו" איז פון לשון "נותר" - איבערלאָזן. די תורה זאָגט אונז אָן, אַז אפי' ווען עס איז חלילה דורכגעלאָפן אַזאַ געדאַנק, זאָלן מיר נישט "איבערלאָזן" ח"ו די שלעכטע מחשבה אין מח נאָר מ'זאָל עס תיכף ומיד אַרויסנעמען פונעם געדאַנק, און מער נישט טראַכטן דערפון.

**ענליך** האָט אויך געטייטשט הרה"ק רבי משה קאָברינער זי"ע (תורת אבות", פ' שלח, ד"ה "ולא"), לויט ווי דער מדרש זאָגט (ב"ר פמ"ה, ה) אַז איבעראל וואו עס שטייט "אחרי", מיינט עס "מופלג" - ווייט. קומט דער פסוק זאָגן, "אחרי לבבכם ואחרי עיניכם", דער עיקר פון די עבירה איז דאָס וואָס ער האָט נישט אַכטונג געגעבן מיט די צווייטע הסתכלות, נאָך דעם ווי ער האָט שוין איינמאָל געזעהן בשוגג וואָס ער טאָהר נישט זעהן. אויף דעם ערשטן מאָל, קען מען איהם נישט אַזוי שטאַרק שטראָפן, ווייל עס איז דאָך געשעהן אָן אַ כוונה, אָבער ווען ער היט נישט זיינע אויגן אויך דאָס צווייטע מאָל, איז דאָס דער עיקר פונעם חטא[יח].

**דער** אויבערשטער זאָל העלפן, מיר זאָלן אַלע זוכה זיין צו אמונה שלימה ותמימה, און צו הייליגן זיך מיט אַ קדושה עליונה, און בקרוב זאָלן מיר זוכה זיין צו "אור חדש על ציון תאיר", און "וימלא כבוד ה' את כל הארץ", במהרה בימינו, אמן.

---

**יח.** ווען דער גאון רבי זלמן וואָלאָזשינער זצ"ל, אַ תלמיד פונעם הייליגן ווילנער גאון זי"ע, האָט געדאַרפט גיין אויף די גאַסן פון דער שטאָט ווילנע, איז ער געגאַנגען ביי די זייטן פון דער גאַס, דאָרט וואו עס האָבן זיך געפונען די רערן פון וועלכע עס האָט געריננען שמוציג וואַסער ("סוער"). האָט אַ איד איהם געפרעגט פאַרוואָס ער טוט אַזוי, דאָרט קען ער דאָך נישט טראַכטן אין לערנען? האָט רבי זלמ'לע געענטפערט, אַז אויב ער וועט גיין אינמיטן גאַס, וועט ער דאָך עובר זיין אויף די ווערטער פון חז"ל (עירובין יח:) "אחורי ארי, ולא אחורי אשה" – עס

איז ענדערש צו גיין אונטער א לייב ווי צו גיין פון אונטער א פרוי. דעריבער איז ער ענדערש "בוחר הרע במיעוטו" - ער קלייבט אויס דאָס וויינִיגער שלעכטע - צו גיין אויף דעם וועג וואו ער טאָר נישט טראַכטן דברי תורה (געברענגט אין ספר "תולדות אדם").

פון דעם לערנען מיר, אַז ענדערש זאָל מען טראַכטן פון "שמוציג וואַסער", ווי איידער צו טראַכטן הרהורי עבירה רח"ל.

איך האָב אַמאָל באַגלייט כ"ק אאמו"ר מלעלוב זי"ע אויף דער גאַס, און פלוצלינג, ווען מיר זענען אָנגעקומען אין אַ ווינקל, האָט ער מיך אַריינגעשלעפּט אין אַ גרויסן מיסט-קאַסטן, זאָגנדיג: "דאָ שמעקט בעסער ווי דאָרט"... ווייל עס זענען דאָרט געשטאַנען עטליכע פרויען...

אוודאי איז כ"ק אאמו"ר ז"ל געווען אַ מיושב'דיגער מענטש, און אַזאַ פירונג, איז אינגאַנצן נישט געווען זיין שטייגער, אָבער אָט-דאָס איז דער ריכטיגער וועג, אַוועקצושפּרינגען פון אַ חשש עבירה ח"ו ווי פון אַ פייער...